№ 47 • פרייז 20 גראָשן • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Bibljot. Jagiellońska Kraków sw. Anny 19

Piątek 20 listopada 1936 | ליכט-צינדען 3.23 | פרייטאג פ' ויצא ו" כסלו תרצ"ז

ZAKŁAD ORTOPEDYCZNY
(choroby kości, stawów i reumatycznych)
D-ra med. H. TRAUNERA
Częstochowa, Aleja 20. tel 10-07

פוטערס
אַמביליגסטען
אין דער פירמא
MICHAŁ AJDELMAN
Częstochowa Piłsudskiego 7
טעל. 13-05, 1-טער שטאָק, פראָנט.

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego
w lokalu własnym
ul. Waszyngtona № 6.
Uczy modnie, wytwornie, w kompletach, pojedynczo — zapisy codziennie. Opłaty przystępne.
יעדען שבת א פראַקטישע לעקציע פאַר יודישער געזעלשאַפט. אָנהויב 8 אָוונט. ערשטקלאַסיגע מוזיק.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2.
Filja: Warszawska 37.
מיר נעמען אָן צו וואשען **קראַגענס** מיט לאנג - דויערענדען שפיגעל-גלאַנץ ווי אויך **העמדער** צו רייניגען און צו פארבען אלערארט קליידונג.
ספעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס
2) דעקאַטירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואשען).
אַכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן אָרט

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס דער
פאַמיליע ראָטבאַרד צוליעב'ן פריהצייטיגען טויט
פון זייער פרוי און מוטער
אסתר נ"ע
בתוך שאר אבלי ציון תנוחמו.
מיכאַל רוזשעוויטש

אונזער חבר **אברהם טאַנזאָווסקי** צוליעב'ן
טויט פון זיין פאָטער
פישעל נ"ע
דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל
טוביה באָבראָווסקי, נחום זאלצמאַן,
אהרן עפשטיין, וויעלון

פיערלעשער-זאַל. נור 1 פאָרשטעלונג!
זונטאַג, ד. 22 ד. ח. 9 אָוועגד די פאָפולערע ארטיסטען
שיינע מרים, א. וואלפשטאט,
י. קורלענדער, ח. לעווענשטיין א. א.
אינ'ם לעצטען שלאגער פון פאריז — פיעסע אין 3 אקטען פון זשאן פאבר
זי, ער און דער דריטער...
פאר קינדער איינגאנג פערבאָטען.
בילעטען-פאָרפערקויף אין דער דרוקעריי פון ה' באַטשאַן, שבת א גאנצען טאָג און זונטאָג פון 7 אָווענד אין דער קאסע פון זאַל.

SKŁAD FABRYCZNY
„PEPEGE" i „ARDAL"
Grudziądz Lida
zawiadamia, iż nadeszły
najnowsze modele kaloszy, deszczówek i śniegowców
Ceny ściśle fabryczne.
M. FISZOF
Nowy Rynek № 10.

די אייז=איינציגע ביליגסטע און רעעלסטע
קוועלע איינצוקויפען אויף גאַנצע
אויסשטייערן (וויפראָוועס) ווי אלעראַרט זעמטליכע **וויסוואַרען**
פון מעטער אוז געפאַטטע, אינלענדישע און
אויסלענדישע, איז נאָר אין דער איבעראַל-בעקאַנטער פירמע
M. Kohn I-a Aleja 8
גנוועלב אין הויף, רעכטס.
גרויסער אויסוואַהל. סאָלידע בעהאַנדלונג.

OTWARCIE
KAWIARNI-DANCING
GRAND-CAFE
przy ulicy Piłsudskiego
w czwartek 19 listopada r. b. o godz. 17-ej.
DYREKCJA.

Dr. med. Alfred Szykier
choroby wewnętrzne
ANALIZY LEKARSKIE
przeprowadził się
na Katedralną 7.

B. asystent Kliniki Ocznej w Pradze Czeskiej
Dr. med.
M. LIBROWICZ
choroby i chirurgja oczu
Aleja Kościuszki 14
Telefon 12-26.
Przyjmuje od 9—1 i od 4—7

זאָל די עפענטליכקייט משפט'ן.

מיט עטליכע חדשים צוריק האט דער עופות-קצב יצחק פאַקטאָר, אלעע 1 (סענאַטאָרסקא 16) זיך געבאָרגט ביי מיר אַ גמילות-חסד פון 15 זלאָטעס. ווען איך בין אָבער שפּעטער געקומען איהם מאהנען, האט ער מיר פערלייקענט מיין חוב און אנשטאט דעם האט ער מיך גאָר איינגעקלאָגט פאר כלומר'שטער בעליידיגונג און דערויף צוגעשטעלט אַנ'עדות. ס'פערשטעהט זיך, אז דער ענין האט מיך אָבגעקאָסט א סך געלד פאר אדוואָקאטען א. ד. גל.

אָט דאָס וויל איך טאקע פערעפענטליכען, כדי צו בעווייזען וואָס פאר א שווארצע דאנקבארקייט מען בעקומט, ווען מען באָרגט אַ גמילות-חסד אַזעלכע פערשוינען ווי עס איז דער דערמאנטער יצחק פאַקטאָר.

זאָל די עפענטליכקייט אזא עולה פערמשפּט'ן.

לייב הערץ.

את נשיא הבנק מר **אברהם בעסער** לרגלי חג-הנשואים של בתו
רחל את מר **יצחק מאיר באַנדע** מלודז
הננו מברכים בברכת מזל-טוב חמה ברוב נחת וחדוה.
חברי המועצה והשלטון
של הבנק ספולדזילטשי בוילון

ברכת מזל-טוב לבבית לנשיא הבנק ספולדזילטשי מר **אברהם בעסער**
לרגלי כלולות בתו **רחל**
את מר **יצחק מאיר באַנדע**
המועצה והשלטון
של חבנק קרדיטובי בוילון

ברכת לבבית למר **אברהם בעסער**
מפאת נשואיה של **בתו**
שולח **יוסף שאיא.**

צו דער פערלאָבונג פון אונזער קוזינקע **לוטשא ליפא** מיט ה' **שאול ווייגבערג** פון לאָדז, ווינשען פיעל גליק און צופרידענהייט. דער מוטער—נחת.
לייביש קושעפיצקי און פרוי, אברהם קושעפיצקי און פרוי

אונזער קוזין מאיר גאָדעל סולמיערסקי צו דער פערלאָבונג פון זייער טאָכטער **ברכה**
מיט ה' **אינזש. מארקוס גמאַך** ווינשען פיעל נחת און גליק
מאיר גאָדעל סולמיערסקי און פאמיליע, וויעלון

צו דער פערלאָבונג פון פויל. **ברכה סולמיערסקא** מיט ה' **אינזש. מארקוס גמאַך**
ווינשען מיר פיעל גליק און די עלטערן פיעל נחת און פרייד
פייוויש והינדה סקרזיניא, משה אהרן וחוה מארעק

Rodzinie Sulmierskich oraz pannie B R O N I
z okazji Jej zaręczyn z p. inż. MARKUSEM GMACHEM (Paryż)
wiele szczęścia życzy Jakób Marek, Wieluń

Członkini Zarządu p. Bronisławie Sulmierskiej z intencji zaręczyn z p. Inż. Markusem Gmachem, wiele szczęścia i pomyślności życzy „WIZO" Wieluń

Pannie BRONISŁAWIE SULMIERSKIEJ z okazji Jej zaręczyn z p. Inż. M. GMACHEM, wiele szczęścia życzą
LITA SZAJÓWNA, Mgr. S. HAJDE

Z intencji zaręczyn p. Bronisławy Sulmierskiej z p. Inż. Markusem Gmachem, najserdeczniejsze życzenia składają
Helena Trembacka, Janka Holcówna, Pola Bobrowska

WORLD-RADIO
Świat w domu...



Nasz program w bieżącym sezonie obejmuje:
Odbiorniki 3-lampowe jednoobwodowe
Odbiorniki 3-pentodowe dwuobwodowe
Odbiorniki 4-lampowe trójobwodowe
Superheterodyny 3-lampowe 7-mio obwodowe
Superheterodyny 4-lampowe 7-mio obwodowe i in.
W naszym bogato wyposażonym salonie demonstracyjnym znajdzie każdy odbiornik dla siebie.
MODELE 1937 WARUNKI DOGODNE
Biuro sprzedaży **WORLD-RADIO**
Aleja 24, tel. 25-75. Spółka Komandytowa

W niedzielę, dn. 22 listopada o godz. 18-tej
wygłosi w szkole dla rodziców naszego zakładu
D-r WŁADYSŁAW SOBOL
odczyt na temat: **„Epidemia grypy w szkole"**
Po odczycie dyskusja. Uprasza się o punktualne przybycie.
Dyrekcja Gimnazjum i Szkoły Powszechn. Tow. Żyd. Szkół Średnich i Powszechnych w Częstoch.

מיר פאָדערן יושר און גערעכטיגקייט.

אין לובלין קומט היינט פאָר דער אַפּעלאַציע-פּראָצעס וועגען די פּשיטיקער געשעהענישען.

די יודישע פערטיידיגער האבען אַפּעלירט געגען דעם אורטייל פון ראַדאָמער געריכט און האָפען, אז אין לובלין וועלען זיי געפונען יושר און גערעכטיגקייט.

גערעכטיגקייט—דאס איז דאס איינציגע, וואס מיר יודען אין פוילען פערלאנגען, מיר ווילען נישט קיין פּריווילעגיעס, מיר פערלאנגען נישט קיין טובות, מיר פאָדערן נאָר דאָס, וואס אונז קומט אלס טרייע בירגער פון לאַנד און דאס איז—גערעכטיגקייט.

און נישט גאָר ביי אזעלכע פּראָצעסען, ווי עס איז דער פּשיטיקער און זיינס גלייכען, וואס זענען לעצטענס, ליידער, אָפטע ערשיינונגען פאָדערען מיר גערעכטיגקייט, נאָר אויף אלע געביעטען פון לעבען פערלאנגען מיר, אז מען זאָל אונז בעהאנדלען געזעצליך, מען זאָל אונז לאָזען לעבען, האנדלען, ארבייטען, זיין מיט מענשען גלייך, אונזערע קינדער לאָזען שטודירען אויף די אוניווערזיטעטען, אונזערע הענדלער זאָלען קאָנען פריי האנדלען און אונזערע בעלי מלאכות פּראָדוצירען, מיט איין וואָרט—לאָזען אונז לעבען, געבען אונז די מעגליכקייט צו עקזיסטירען.

ליידער מוזען מיר פעסטשטעלען, אז ביז איצט איז דאס נישט אזוי.

מיר זענען אָבער יודען, מיר פערלירען נישט דעם בטחון, מיר גלויבען, נאָך אין דער גערעכטיגקייט און אויך אין דעם פאַל גלויבען מיר, אז די גערעכטיגקייט וועט זיעגען.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם אַפּעלאַציע-פּראָצעס אין לובלין פעראייניגען מיר זיך אין כאָר פון אלע יודען אין פוילען און אויף אונזערע אלעמענס ליפּען הענגט דאס איינע וואָרט: גערעכטיגקייט!

ש.

ווער זענען די בעפאַלענע?

פערגאנגענע וואָך פרייטאָג-צו-נאַכטס זענען עטליכע יודען, אהיימגעהענדיג פון דאווענען, בעפאלען געווארען אויף רוג פּילסודסקי און קאַטעדראַלנע גאַס דורך עטליכע כוליגאַנעס.

מיר בעטען די דאָזיגע יודען זיך צו ווענדען אין רעדאַקציע פון אונזער צייטונג וועגען א זעהר וויכטיגען ענין.

פון סוחרים-און פאַבריקאַנטען-פעראיין.

אין דז. אוסטאַוו נר. 84, פּאָז. 590 איז פערעפענטליכט געווארען א פעראָרדנונג פון האנדעלס-מיניסטער פון 23 אקטאבער 1936, אויפ'ן סמך פון וועלכער ס'זענען געענדערט געווארען די ביז-יעצטיגע פאַרשריפטען, וואס זענען נוגע דער בעצייכנונג פון אונטערנעהמונגען אין גרעסערען שטאַב. ביז-איצט זענען אויסער די האנדעלס-אונטערנעהמונגען פון 1-טער קאַטעגאָריע אויך אנערקענט געווארען פאר אונטערנעהמונגען אין גרעסערן מאַסשטאַב די דאָזיגע האנדעלס - אונטערנעהמונגען פון 2-טער קאטעגאריע, וואס זייער אומזאַץ-שטייער פאר'ן פערגאנגענעם יאהר האט איבערגעשטיגען די סומע פון 100.000 זל. אויף די דאזיגע האנדעלס-אונטערנעהמונגען ליגט די פליכט זיך איינצושרייבען אין האנדעלס-רעגיסטער, צו פיהרען האנדעלס-ביכער א.ד.גל.

איצט זענען די דאזיגע פאַרשריפטען פערברייטערט געווארען. אויפ'ן סמך דערפון זענען די האנדעלס-אונטערנעהמונגען פון 1-טער און 2-טער קאַטעגאָריע, ווי אויך אונטערנעהמונגען פון קאָמיס-פערקויף, עקספעדיציעס און ביוראָ'ס פון האנדעלס-פערמיטלונג מחויב זיך איינצושרייבען אין האנדעלס-רעגיסטער און צוגלייך דערמיט צו פיהרען האנדעלס - ביכער. די דאָזיגע פליכט פאלט אָב בלויז אין פאל, ווען דאס געריכט וועט אנערקענען, אז די אונטערנעהמונג ווערט נישט געפיהרט אין קיין גרויסען מאסשטאב.

עס ווערען אנערקענט אלס אונטערנעהמונגען אין גרעסערען מאסשטאב די דאזיגע פערדינסט-קוועלען, וועלכע זענען אויפ'ן סמך פון געזעץ וועגען אינדוסטריע-שטייער פערעכנעט געווארען אלס אינדוסטריע-אונטערנעהמונגען פון 1 ביז 5 קאטעגאָריע און אויך די דאָזיגע אינדוסטריע-אונטערנעהמונגען פון 6 ביז 8 קאטעגאריע, ווען די סוחרים, וואס פיהרען זיי, בעזיצען אייגענע פערקויפס-שטעלען פון זייער פּראָדוקציע, וועלכע ווערען געפיהרט אויף פאטענטען פון 1 און 2-טע האנדעלס קאטעגאָריע.

אויסער דעם ווערען אויך אנערקענט אלס אונטערנעהמונגען פון גרעסערען מאסשטאב און האבען די פליכט זיך איינצושרייבען אין האנדעלס-רעגיסטער און צו פיהרען האנדעלס-ביכער די דאזיגע אונטערנעהמונגען (אָהן אונטערשיד פון דער קאטעגאריע פון פאטענט), אויב זייער יעהרליכער אומזאַץ שטייגט אריבער די סומע פון 100.000 זל.

אויסערדעם זענען צוגעטיילט געוואָרען ברייטע קאָמפּעטענצען ביים בעשטימען די אונטערנעהמונגען אין גרעסערען מאסשטאב די האנדעלס-און אינדוסטריע-קאָמערען, נישט אָכטענדיג אויף דער הויך פון אומזאַץ פון דער געגעבענער אונטערנעהמונג.

פייערליכע ערעפנונג פון א ביבליאָטעק אין דער פּאָווּשעכנע שולע נומער 13 א. נ. פון דער לייטערין פּרל. נאַטאַליאַ שאַכער.

פּויריגען זונטאג איז אין אייגענעם לאָקאַל פארגעקומען די פייערליכע ערעפנונג פון דער ביבליאָטעק אויפ'ן נאָמען פון פּרל. נאַטאַליאַ שאַכער.

די ביכער דערצו זענען אין משך פון יאָהרען געזאמעלט געווארען און די ביבליאָטעק פערמאָגט ביים היינטיגען טאָג 2400 בענדער. אלס אנערקענונג פאר איהר לאנגיעהריגער אינטענסיווער ארבייט, האט דער עלטערן-קאָמיטעט פון דער אויבענדערמאנטער שולע בעשלאָסען אַנצורופען די דאזיגע ביבליאָטעק אויפ'ן נאמען פון דער לייטערין פּרל. נאַטאַליאַ שאַכער.

דער זאַל איז זעהר שעהן דעקאָרירט און מען זעהט נאר בלומען און בלומען, וואס די עלטערן, ווי אויך די שילער האבען געבראכט זייער בעליבטער לייטערין.

אין זאַל זענען פערזאמעלט א רייהע פּראָמינענטע כלל-טהוער, ווי: פּרעזעס ראָזענבערג, דעפּוטאט קאָבילעצקי, ד"ר באַטאַוויא, דער שול-אינספּעקטאָר, ד"ר אַקסער א. א.

פּאַרזיצער פון עלטערן-קאָמיטעט ה' איצעק פערבעט דעם שול-אינספּעקטאר ה' טשעשלאק אדורכצושניידען די באַנד. דאן קומען פאר די בעגריסונגען.

עס בעגריסען ד"ר באטאוויא, שול-אינספּעקטאר טשעשלאק, קהלה-פּרעזעס י. ראָזענבערג, ד"ר הירשבערג, ד"ר אַקסער, אין נאמען פון די לעהרער פּרוי פּאָקטאָראָווא, אין נאמען פון עלטערן-קאָמיטעט פּרוי בראָניאָטאווסקא, שילערינס פון דער שולע ווי אויך א געוועזענע שילערין און א פארשטעהער פון פּוילישען לעהרער-פעראיין.

אויף די אלע בעגריסונגען ענטפערט מיט טרעהרען אין די אויגען פּרל. שאַכער און דאנקט אלעמען פאר'ן גרויסען כבוד.

דורך דער גאנצער צייט פון דער פייערונג האט דער קינדער כאָר אונטער דער געניטער לייטונג פון דער לעהרערין פּרל. פּישער געזינגען פערשידענע לידער און מיט'ן געזאנג פון דעם פּוילישען הימן ווערט פערענדיגט די פייערונג, וועלכע האט אויף אלע אנוועזענדע געמאכט א גוטען איינדרוק.

דאָס הערליכע געזאַנג

צום אויפטריט פון כאָר פון די שילערינס פון לאָדזער יודישען גימנאזיום

פערגאנגענעם מאנטאג איז אין קינאָ-זאל „לונאַ“ פאָרגעקומען אַ קאָנצערט פון העברעאישע לידער, אויסגעפיהרט דורך דעם שילערינס כאָר פון יודישען גימנאזיום אין לאָדז, אונטער דער לייטונג פון פּראָפ. י. פייווישיס.

פונקטליך 9 אַ זייגער בעווייזען זיך אויף דער עסטראדע די שילערינס, וועלכע שטעלען זיך רוהיג אויס אויף זייער אָרט און דאן בעווייזט זיך דער לייטער פון כאָר פּראָפ. פייוואישיס. דער כאָר ווי אויך זיין לייטער ווערען האַרציג אויפגענומען דורך דעם גאנצען עולם.

אַ לייכטע בעוועגונג מיט דער האנד און דער פּיאנאָ-בעגלייטער לייטעט איין דעם קאָנצערט, א ריהר מיט'ן שטעקעלע און עס הערען זיך לייכטע הארציגע געזאנגען. ווי מיט א צויבער-שטעקעלע קריגט דער מאַעסטראָ פייווישיס ארויס פון זיינע שילערינס אַלץ נאָר, וואס ער וויל. אַזוי די ווייכע סענטימענטאל-לירישע, ווי די אין מארש טעמפּאָ-לעבעדיגע לידער, וועלכע מיר האבען געהערט זענען אויסגעזונגען געוואָרען ווי פון אַ צויבער-פלייט.

נאך יעדען פאָרגעטראָגענעם נומער האט דער זאַל געשטורעמט פון אַפּלאָדיסמענטען און איניגע זאָכען האבען זאנאָר געמוזט ביסירט ווערען.

מיט סאָלאָ נומערן זענען אויפגעטרעטען די צוויי שילערינס טויבענשלאַג און בעער. די ערשטע בעזיצט א הארציגען מעצא-סאָפּראַן אין די אנדערע—א פּראָכטפולען אלט. ביידע שילערינס האבען אויך אויסגעפיהרט צוויי דועטען. אזוי די סאָלאָ'ס, ווי די דועטען האבען זעהר שטארק אויסגענומען און די מיידלעך האבען בעקומען אלס דאַנק זעהר שעהנע באָנבאָניערקעס.

מיר שטעלען זיך נישט אָב אויף יעדען נומער בעזונדער ווייל מיר האלטען, אז יעדער נומער, וואס דער מייסטער פייווישיס האט פאָר אונז פאָרגעטראָגען איז געווען א מייסטער-שטיק. מען מוז פערשטעהן די גרויסע דאָזע סבלנות, אויסדויער, וואס עס מוז בעזיצען דער פעדאָגאָג, אום פון קינדער ארויסצובעקומען די אלע הערליכע געזאנגען און צו דערפיהרען צו אזא גראַדאַציע פון פולקאָמענהייט.

פּראָפ. פייווישיס בעזיצט אויך סוגעסטיווע קראַפט, גלייך ביים ערשטען אויפהויבען דאס שטעקעלע, צו שאַפען דעם קאָנטאַקט צווישען דער עסטראָדע אין אודיטאָריום, פאָר זיין גלאַנץ-לייסטונג האט פּראָפ. פייווישיס פון דעם דאַנקבאָרען אודיטאָריום בעקומען זעהר א סך בלומען, וועלכע ער האט זיך אויך כשר פערדינט.

פּראָפ. פייווישיס איז ביים היינטיגען טאג איינער פון די העכסט-מוזיקאַלישע יודישע דיריגענטען אין פוילען.

וואונדערבאָר שעהן האט בעגלייט אויפ'ן קלאַוויר דער קאָנצערט מייסטער ה' באַלזאַם.

בעת'ן קאָנצערט האט אויפ'ן זאַל געהערשט א מוסטערהאפטע אָרדנונג.

א גרויסען יישר כח קומט דעם עלטערן-קאָמיטעט פון היגען יודישען גימנאזיום, א דאנק וועמענס מיה מיר האבען געהאט די מעגליכקייט צו פערברענגען אזא הערליכען אָוונט, וועלכער וועט לאַנג בלייבען בזכרון אלס א אנגענעהמע ערינערונג ביי אלע די, וועלכע האבען בייגעוואוינט דעם דאָזיגען קאָנצערט.

וואָלף שמידט.

אַנ'אינטערעסאַנטע פּאָרלעזונג פון ה' זרבבל.

שבת, דעם 21 טען ד.ח. 10 א זייגער פריה, קומט פאָר אין זאל פון „מכבי“, קאַטעדראַלנע 13, א פּאָרלעזונג פון דעם בעקאנטען ארבייטער-טהוער און גלענצענדען פאָלקס רעדנער זרבבל א.ד.ט.: „די יודישע לאַגע אין דער וועלט און די געשעהענישען אין פּאַלעסטינע“.

ה' זרבבל האט זיך איצט צוריקגעקעהרט פון א וועלט-רייזע איבער צפון-און דרום אמעריקא און איז אויך געווען אין גאנץ מערב אייראָפּע, אזוי, אז זיינע איינדרוקען איבער דער יודישער לאַגע, וועלכע ער וועט איבערגעבען אין דעם רעפעראַט, דאַרפען זיין זעהר אינטערעסאַנט.

די קעלצער וואָיעוואודזטווע אויפ'ן ערשטען אָרט לויט דער צאָהל האנדווערקער-וואַרשטאַטען.

אויפ'ן שטח פון דער קעלצער וואָיעוואודשאפט זענען ביז'ן 1-טען יאַנואר ה. י. ארויסגעגעבען געווארען 44.471 האנדווערקער-קאַרטען. דערפון איז צו זעהען, אז אונזער וואָיעוואודזטווע פערנעמט אין פוילען דאס ערשטע אָרט לויט דער צאָהל האנדווערקער-וואַרשטאַטען. דאס צווייטע אָרט פערנעמט די ווארשאווער וואָיעוואודזטווע (אויסער די שטאָדט ווארשא), וועלכע בעזיצט 36671 ווארשטאַטען. דאן געהען ערשט די לאָדזער וואָיעוואודשאפט, לובלינער און פּויזנער.

שפּאַניען...

קליינער פעליעטאָן

כ'ברעך זיך דעם מח וועגען א טעמא אויף א פעליעטאָן און קאן נישט געפונען. כמעט אלע טעמא'ס זענען שוין אויסגעשעפּט און קיין נייעס איז נישטאָ. אויסער מען זאָל נאָכאמאָל איבערקייען אלץ פון אָנהויב: ווידער וועגען היטלער-דייטשלאנד און די סוחרים (יודישע), וועלכע האלטען ווייטער אָן מיט דער דאָזיגער מלוכה האנדעלס-בעציהונגען, וועגען טראנספער, וואס אונזערע כשר'ע ארץ-ישראל-סאָציאליסטען מאכען מיט'ן היינטיגען דייטשלאַנד, וועגען ענגלאנד און איהר פּאָליטיק אין ארץ ישראל, דאן וועגען דער קעניגליכער קאָמיסיע א. א. וו. א. א. וו. דאס אלץ זענען שוין אָבער אויסגעדראָשענע טעמא'ס. זיץ איך טאקע און קאן מיר קיין עצה נישט געבען און דא שטעהען די מלאכי-חבלה'שע זעצער און וואַרטען אויף מאטעריאל.

טראכט איך און טראכט און קאָן זיך נישט דערטראכטען. הויב איך אָן אָדורכצוּוואַרפען היימישע ענינים און אויפ'ן מח קומען מיר אונזערע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, ווי א „בית-לחם“, וועלכער האט טענות, באשר מען צושרייבט זיך נישט וועגען איהר; איז עס אָבער אַזאַ אינסטיטוציע, וואס פונקציאָנירט נאָר צוויי מאָל אין יאהר, כאטש טעטיג איז זי א גאנץ יאהר בנוגע הכנסות... הוצאות פאר די ברייטע מאסען אָבער מאכט זי נאר צוויי מאל אין יאהר, איז דעריבער גענוג, ווען מען שרייבט וועגען דער דאָזיגער אינסטיטוציע אויך נישט מעהר ווי צוויי מאָל אין יאהר... דאַן א „תומכי-עניים“ — זיי מאכען אפילו יאָ יעדע וואָך הוצאות, נאר אויך וועגען זיי קען מען נישט צופיעל שרייבען, ווייל וואס צופיעל, איז אומגעזונד... דאס זעלבע איז מיט די אלע אנדערע אינסטיטוציעס, וואס זאגען גארנישט, טהוען גארנישט און שטעלען נישט מיט זיך פאָר עפּעס סמשות'דיגעס.

כ'האב אפילו געהאט בדעה צו שרייבען וועגען די ווארשאווער יונגע לייט, וועלכע האבען אונטער דער אָנפיהרונג פון אַדוואָקאט ריפעל אָנגעהויבען דעם „מארש קיין ארץ ישראל“. אָט דאס, האב איך זיך געטראכט, איז א גוטע טעמא פאר אַ פעליעטאָן, און אין מיין פאנטאזיע האב איך זיך פאָרגעשטעלט, ווי אזוי די דאזיגע עולים נעהמען פון שטאָדט צו שטאדט, פון לאנד צו לאנד, און אומעטום, וואו זיי קומען, נעמט מען זיי אויף בכבוד גדול. מען איז זיי מאכיל ומשקה און מען גיט זיי מיט צדה לדרך, און אזוי בתופים ובמחולות, קומען זיי אָן צו די טויערען פון ארץ ישראל. און דאָרט איז מען זיי מקבל-פנים און מען פיהרט זיי אריין קיין ירושלים אונטער די קלאַנגען פון מוזיק. די יודען אין גלות, דערהערענדיג, מיט וואס פאר א פּאַראַד מען האט אויפגענומען די ערשטע גרופּע עולים, בילדען נאך אזעלכע גרופּען אין יעדער שטאדט און שטעדטיל פון דער מדינה פוילען, שיקען ארויס פּאַרטיען-ווייז די יודען און עס ווערט מקוים די נביאות פון גרינבוים און זשאבאָטינסקי וועגען „עמיגראציע“ און „עוואַקואַציע“, צו דער צופרידענהייט פון די פּוילישע פּאָליטיקער, וועלכע ווילען פּטור ווערען פון די יודען אין פוילען.

אָה, וואלט דאס געווען א הערליכע טעמא פאר א פעליעטאָן, ווען — ווען נישט די ווארשאווער פּאָליציי, וועלכע האט געצווינגען די „עולים“ צו מאכען אַ „השיבנו נאזאד“ און דערמיט מיר קאליע געמאכט מיין טעמא פאר א פעליעטאָן...

און אפשר, טראכט איך מיר, וואָלט געווען א פּלאַן, אז מען זאָל דעם פעליעטאָן ווידמענען דער קהלה. אמת, איך נודזיע שוין צופיעל מיינע לעזער מיט קהלה-מאַטעריאַל, אָבער דאָך האָב איך געוואָלט שרייבען וועגען די לעצטע קהלה-געשעהענישען, דהיינו: וועגען דער „אינטערוועניץ“-פּאָליטיק, וואס ווערט לעצטענס אָנגעווענדעט דורך צוויי קהלה-פאָרשטעהער, ווי אזוי זיי „אינטאָרמירען“ די מאכט וועגען אלעם, וואס קומט פאָר און אפילו וועגען דעם, וואס קומט נישט פאָר אין דער קהלה... נאָר אזוי טראכטענדיג וועגען די „אינטערוועניצען“ אין דער סטאָראָסטווא איז מיר פּלוצלינג איינגעפאַלען וועגען דער „נישט-אינטערוועניץ-קאָמיסיע“, וואס איז געשאַפען פון די מלוכות אין דעם ענין-שפּאַניען און אין' מח האט מיר אויפגעבליצט א געדאַנק: שפּאַניען! פאַרוואָס זאָל איך טאָקי נישט אויסנוצען שפּאַניען אלס א טעמא פאָר מיין פעליעטאָן.

פערגעס נישט—האָב איך צו זיך געזאָגט—וואס פאר א ברייט פעלד דו ווערסט דאָ האבען. עפּעס א קלייניגקייט שפּאַניען, דאס לאַנד, וואס פערנעמט יעצט די מחות פון אלע מענשען אויף דער גאָרער וועלט, צי איז דען באמת פערהאנען איין מענש אויף דעם גאנצען כדור הארץ, וואס זאָל נישט זיין פעראינטערעסירט אין אויסגאַנג פון בירגער-קריג אין שפּאַניען. און אויב דייטשלאַנד, איטאַליען און די איבריגע פאַשיסטען פון דער גאָרער וועלט נוצען אויס דאס בלוט פון די שפּאַנישע פאָלקס מאַסען פאר זייערע ציעלען, מעג איך דאָך עס כאָטש אויסנוצען פאָר א פעליעטאָן...

מיר יודען מעגען דאָך אוודאי עפּעס זאגען וועגען שפּאַניען. איז עס דאָך דאס לאַנד, וואס האט מיט א פּאָר הונדערט יאהר צוריק אונז פון דאָרט ארויסגעטריבען. און די, וועלכע האבען ווייטער געוואָלט בלייבען יודען, האט מען געברענט אויף די שייטער-הויפען האבען מיר דאָך יודען אוודאי איצט געדאַרפט דערלעבען א נקמה און זאגען: פאָר דעם יודיש בלוט, וואס איהר האט פערגאָסען מיט עטליכע הונדערט יאהר צוריק מוזט איהר בלוטיג בעצאהלען, אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק: ונקיתי דמם לא נקיתי, פונדעסטוועגען נעמען מיר נישט קיין נקמה, פערקעהרט, אונזער הארץ בלוטעט אויף דעם חורבן, וואס די פאַשיסטישע באַנדעס מאכען אין שפּאַניען און מיר וואונשען, אז דער בירגער-קריג זאָל וואס גיכער אויפהערען און דאס שפּאַנישע פאָלק זאָל אָנהויבען א פרידליך נאָרמאַל לעבען. אָט אזעלכע נוקם ונוטר'ס זענען מיר יודען.

אָדער ווען מען זאָל אפילו שרייבען בלויז וועגען דער קאָמעדיע, וועלכע הייסט „נישט אינטערוועניץ-קאָמיסיע“. פון איין זייט מישט זיך כלומר'שט נישט אריין דייטשלאַנד און איטאליע, ווי אויך פּאָרטוגאַל, און פון דער צווייטער זייט ווידער רוסלאַנד. איי דאס, וואס אין קאָמף נעמען אנטייל דייטשע עראָפּלאַנען און איטאַליענישע טאַנקס, נו, האָסטו ווידער אַנ'עולה... און צוריקגעשמועסט, הייסט דען דאס אינטערווענץ?

ווי איהר זעהט, איז שפּאַניען א דאַנקבאָרע טעמא פאר א פעליעטאָן, ווייל פון די דאָרטיגע געשעהענישען קאָן מען א סך לערנען און אַלץ, וואס דאָרט קומט פאָר, קען מען צופּאַסען צו אונזערע היימישע געשעהענישען. נו, זאָל זיין אפילו וועגען דעם איינעם ענין פון „נישט אינטערוועניץ-קאָמיטעט“, דעריבער טאָקי האָב איך בעשלאָסען מיין היינטיגען פעליעטאָן צו ווידמענען די געשעהענישען אין שפּאַניען...

סמאל,

יודען אין מאדריד.

היסטארישע נאטיץ.

עס איז פערצייכנעט, אז יודען האבען זיך געפונען אין מאדריד זינט דעם אנפאנג פון צוועלפטען יאהרהונדערט. דעמאלט האט די שטאדט שוין בעלאנגט צו די קריסטען, און נישט צו די מאורען. צי עס זענען דארט געווען יודען, בעת די שטאדט איז געווען א מאורישע, איז נישט פערצייכנעט. ס'איז וועגען דעם קיין סימן נישטא. און אזוי ווי די שטאדט האט אונטער די מאורען נישט געהאט קיין בעדייטונג, קען זיין, אז עס זענען טאקע דארט קיין קיין יודען, בעת דער מאורישער מאכט, נישט געווען.

ווען יודען האבען זיך צוערשט בעזעצט אין קריסטליכען מאדריד האט מען זיי געגעבען די זעלבע רעכט ווי די איבריגע בירגער. מען האט זיי נישט אונטערדריקט און אפילו נישט בעשרענקט. די איינציגע בעשרענקונג, וואס איז בעקאנט, איז געווען, אז יודען מוזען שעכטען בהמות פאר זיך אליין; פלייש פון זייער שחיטה זאלען קריסטען נישט עסען, אבער אויך די דאזיגע בעשרענקונג איז אנגעווענדעט געווארען אויף די קריסטליכע קצבים פון מאדריד. עס איז זיי פערבאטען געווארען צו פערקויפען פלייש, וואס יודען האבען ערקלערט פאר טריפה.

פון 15-טען יאהרהונדערט זענען שוין דא דאקומענטען, קאנטראקטען פון פערקויפען גיטער, וועלכע האבען אונטערשריפטען פון יודען פון מאדריד, און עס איז אויך פעסטגעשטעלט, אז אין די יאהרען פון 1343 ביז 1369 האבען יודען אויך געוואוינט אין דערפער ארום דער שטאדט.

די צאהל פון די יודען אין דער שטאדט איז צו יענער צייט געווען א קליינע. דאס זעהט מען דערפון ווייל די שטייערען וואס מען האט פון זיי גענומען האבען נישט פיעל אריינגעבראכט. עס איז פערצייכנעט, אז אין 1384 האט דער קעניג דזשאן דער ערשטער בעשטימט פאר דעם מאנאסטיר ראן דא מיגגא אין מאדריד א יעהרליכע הכנסה פון 3000 „מאראוועדיס", און אט דאס געלד האט בעדארפט אריינקומען פון די שטייערען אויף די יודען.

א שרעקליך יאהר אין דער געשיכטע פון די יודען אין מאדריד, ווי פון די יודען אין שפאניען בכלל, איז דאס יאהר 1391. אין זומער פון יענעם יאהר האט מען אויסגע'הרג'עט טויזענדער און טויזענדער יודען, מען האט אויך אונטערגעצונדען און בערויבט זייערע קווארטאלען. די יודען, וועלכע זענען געבליבען לעבען האט מען מיט געוואלד גע'שמד'ט. דאס איז דעמאלס געשעהען אין סעוויל, קארדאווא, טאלעדא און צעהנדליגער אנדערע שטעדט אין שפאניען. דאס איז אויך געשעהען אין מאדריד.

פעראנטווארטליך פאר יענע הריגות אויף יודען, זענען געווען פאנאטישע פיהרער פון המון, וועלכער איז פון זיי אויפגערייצט געווארען געגען יודען. די הערשענדע מאכט איז גראדע געווען געגען די הריגות, אבער זי איז געווען מאכטלאז. די פיהרער פון דעם המון זענען נאך די הריגות ארעסטירט געווארען, אנדערע זענען ענטלאפען. די רעגירונג האט קאנפיסקירט די פערמעגענס פון די העצער, וועלכע האבען געבראכט צו די הריגות, מען האט אויך ערלויבט די געשמד'טע יודען דורך געוואלד, זיך צוריק צו קעהרען צו זייער אמונה; און די יודישע גאס פון מאדריד, וואו די הריגות אויף יודען זענען פארגעקומען, וועלכע האט פריהער געהייסען „קאלע דע לא פע" האט מען א נאמען געגעבען „קאלע דע לא סינאגאגא" (די גאס פון דער שוהל), אלס צייכען פון מיטגעפיהל צו די יודען. אט דער נאמען פון דער גאס איז געבליבען ביז 1492, ווען מען האט די יודען ארויסגעשיקט פון מאדריד און פון שפאניען בכלל.

אין 1480 האבען פערדינאנד און איזאבעלא בעשטימט, אז די ז'ערמאהנטע יודען-גאס זאל זיין א געטהא און מען האט ארום איהר געבויט א וואנד, מיט טויערען, וועלכע האבען געמוזט זיין געשלאסען פון זונען-אונטערגאנג ביז זונען-אויפגאנג.

פון 1492 האבען זיך נישט מעהר געפונען קיין יודען אין מאדריד, סיידען מאראנאס, ביז 1860, ווען עס האבען אנגעהויבען אהינקומען איינציגע יודען. צו ביסלעך האבען זיך דארט ווידער פערזאמעלט א פאר מנינים יודען, און זיי האבען געדאווענט צוזאמען אין די ימים נוראים, אבער אין א פריוואט הויז.

אין די לעצטע יאהרען נאך דעם וואס שפאניען איז געווארען א רעפובליק, און בעזונדערס דורך דעם, וואס יודען זענען אוועק פון דייטשלאנד, איז די צאהל פון די יודען אין מאדריד געוואקסען, לויט ווי מען שאצט צו עטליכע הונדערט.

די וועלט לעבעט נאך פרידען און גרייט זיך צום קריעג

פון ד"ר ח. זשיטלאווסקי

פאר די לעצטע פאר חדשים האט זיך אין א ראשיגען טעמפא פערשטארקט דער געיעג פון פערשידענע מלוכות אריבערצויאגען איינער דעם אנדערען אין דער בעוואפנונג. דאס אלט-רוימישע ווערטיל: „אויב דו ווילסט פרידען, זיי גרייט צום קריעג" קאן אויף דער איצטיגער וועלט-לאגע נישט אנגעווענדעט ווערען, הגם סיי ענגלאנד, סיי פראנקרייך, סיי רוסלאנד וועלען אונז שווערען ביי א ספר-תורה, אז קיין אנדערע מאטיווען פאר זייער פערשטארקטער בעוואפנונג, א חוץ די אבהיטונג פון דעם וועלט-פרידען, האבען זיי נישט.

דער פרידענס-מאטיוו פאר דער בעסערער אנגעגרייטקייט צום קריעג קאן איצטער נישט גענומען ווערען ערנסט שוין דערפאר אליין, וואס אויך אין דעם אלטען רוים איז דאס ווערטיל געווען, אויב נישט קיין היפאקריטישער אויסרייד, איז א טעות אין חשבון. די צוגרייטונגען צום קריעג האבען אויך דאמאלס בעשאפען יענע קריעגס שטימונגען, וואס האבען געפיהרט צו די רוימישע מלחמות און צו דער גרינדונג פון דער רוימישער וועלט אימפעריע, נאך מעהר זענען זיי עלול ארויסצורופען די נויטיגע גרייטשאפט פון די פעלקער ארויפצווארפען זיך איינס אויף דעם אנדערען. אין דער איצטיגער צייט, ווען די אידעאלען פון דעם וועלט פרידען, וואס האבען זיך אזוי שעהן פונאנדערגעבליהט באלד נאך דעם גרויסען וועלט-קריעג, קאנען איצטער, ווי פערוועלקטע בלומען, פשוט ארויסגעווארפען ווערען אויף דעם מיסט-קאסטען.

געטהון האט דאס מוסאליני אין יענער קורצער רעדע זיינער, וואס האט ערקלערט די אייביגע דערהויבענקייט פון דער קריעג-פיהרונג און די נצחונות אין דער מלחמה — פאר דעם העכסטען אידעאל, צו וועלכען עס דארף שטרעבען א פאלק, וואס האט נאר א ברעקעל עהרען-געפיהל אין זיין ברוסט. שווער צו גלויבען אין דער פערזיכערונג, „אז די וועלט לעבט נאך פרידען", ווען אזא רעדע האט געקאנט אראבגעשלונגען ווערען פון דעם עפענטליכען בעוואוסטזיין; ווען אין קיין ציוויליזירטען לאנד זענען נישט פארגעקומען קיין מאסען-פראטעסטען, קיין מאסען-דעמאנסטראציעס, וואס זאלען ארויסשפייען דעם צארן פון דעם מענשליכען געוויסען פאר אט דער גלאריפיצירונג פון דער אלטער בארבעריי.

„די וועלט, וואס לעבט נאך פרידען", גרייט זיך צום קריעג נישט צוליעב דעם פריעדען. מען פראדוצירט נישט קריעגס-מאטעריאלען אין א ראשען טעמפא, כדי זיי דערנאך ארויסצווארפען, אבער כדי איבערצושמידען די שווערדען אין אקער אייזענס, פראדוקטען ווערען געשאפען כדי צו פערברויכען זיי אויף דעם געהעריגען שטייגער.

דאס אלץ פערשטארקט די אידעאישע פאזיציע פון יענע „פעסימיסטען", וואס הערען נישט אויף צו טענה'ן פאר דער לעצטער צייט, אז „די וועלט" קאן זיך שוין מעהר נישט ארויסדרעהען פון א נייעם וועלט-קריעג. און אויב עס זאל ווייטער אזוי געהן, ווי עס געהט מוז מען צוגעבען, אז די פעסימיסטען וועלען בלייבען גערעכט מיט זייער שווארץ-זעהעריי.

אבער — ווער וועט קעמפען ענטקעגען וועמען און פאר וואס? וועלכע טיעפע ווירקענדיגע היסטארישע כוחות טרייבען די וועלט צו א נייעם אפגרונד אין וועלכען עס קאן צעשמעטערט ווערען די גאנצע מענשליכע קולטור?

אין דער ערשטער ליניע ווירקט דא די אלטע, ווי די מענשהייט-אלטע טענדענץ פון יעדען שבט, פאלק און שטאט, צו פערכאפען, וואס מעהר לענדערייען אין זיין בעזיץ, צו פערשטארקען דורך דעם זיין אייגענע מאכט און צו בערייכערען זיך אויף דעם חשבון פון די איינגענומענע לענדער און אונטערוואכטע פעלקער. אין דעם קאפיטאליסטישען פעריאד פון דער וועלט-געשיכטע איז אט דער טענדענץ פערשטארקט געווארען דורך דעם שטרעבען צו דעראבערען וואס גינסטיגערע פאזיציעס אויפ'ן וועלט-מארק.

אין דער צייט פון פאר דער וועלט-קריעג האבען זיך פיער מלוכות אויסגעצייכענט מיט אט דער טענדענץ: ענגלאנד, וואס האט לפי ערך גאר נישט לאנג צוריק איינגעשלונגען גאנץ דרום-אפריקא; עסטרייך, וואס האט געביסען שטיקער פון די סלאווישע באלקאן-לענדער; דייטשלאנד, וואס האט אויך אריינגעכאפט א היבשע פארציע פון דעם אפריקאנער קאנטינענט און — דער עיקר — וואס איז געווארען א דאמינירענדיגע קראפט אויף דעם וועלט מארק, אונטערגראבענדיג ענגלאנד'ס עקאנאמישע העגעמאניע אויף איהם; און רוסלאנד, וואס האט ביז צום קריעג מיט יאפאניע אלץ מעהר און מעהר פערשפרייט איהר מאכט אין מזרח, און האט געווארפען גלוסטיגע בליקען אויף אפגאניסטאן און פערסיע, כדי צו דורכצושלאגען זיך א וועג צו דער בריטישער אינדיע. אט די פעלקער-און לענדער-פרעסערישע טענדענץ האט געפיהרט צום וועלט-קריעג.

דער אויסגאנג פון דעם וועלט-קריעג האט אריינגעטראגען שארפע ענדערונגען אין די פיגורען, אויף דעם קאמף-פלאץ, האט אבער נישט אבגעשטעלט די אור-אלטע טענדענץ גופא. די עסטרייכישע אימפעריע איז צונויפגעבראכען און די באלקאנישע לענדער זענען בעפרייט געווארען פון דער רויב חיה, וואס האט געלויערט אויף זיי. ביים צארישען רוסלאנד איז נאך פאר דעם ענדע פונ'ם וועלט-קריעג איבערגעבראכען געווארען דער חוט השדרה. די סאציאליסטישע רעוואלוציע אין דעם לאנד האט היבש פערשמעלט זיינע גרעניצען און האט זיך לגמרי אבגעזאגט פון וועלכע עס איז ווייטערדיגע דעראבערונגען. דייטשלאנד איז געבליבען ליגען נאך דעם קריעג א צעקיילטע און צעביילטע, נאר ענגלאנד און די אנדערע פערבינדעטע זענען ארויס פון דעם קריעג, בערייכערטע מיט נייעם לאנד-בעזיץ.

אט דאמאלס האבען זיך דאס פונאנדערגעבליהט די בלומען פון דעם אייביגען וועלט פרידען. אבער נישט אויף לאנג, נייע אדער בענייטע פיגורען זענען ווידער ארויף אויף דער געשיכטליכע ארענע, אנגעצונדענע מיט דעם זעלביגען לענדער-און פעלקער-פרעסערישען ברען: יאפאניע, וואס האט שוין אין מאגען גאנץ מאנדזשוריע (מאנטשוקא) א שטיק צפון-כינע און לאזט נישט ארויס פון אויג די ראטענלענדישע בעזיצונגען אין מזרח-אזיע ביז צו דער אזערע באיקאל; איטאליע, וואס וויל ווערען א גרויסע וועלט-אימפעריע, ווי אין די אלט-רוימישע צייטען, און האט שוין דערלעבט דעם נחת, איהר קעניג זאל טראגען דעם אימפעראטאר-טיטול פון דער דעראבערטער אזוי גערופענער „אימפעריע": עטיאפיע; דייטשלאנד, וואס איז ווידער געקומען צו איהרע מיליטערישע כוחות און וויל האבען א „גרויס-דייטשלאנד", אריינגעהמענדיג נישט נאר די דייטשע לענדערייען מחוץ דעם רייך, נאר אויך גאנץ אוקראינע און איהרע פריהערדיגע קאלאניאלע לענדער.

די אלע דריי ריין-מיליטערישע מלוכות פערענטפערען זיך פאר „דער וועלט" מיט דעם אויסרייד, אז אין זייערע איצטיגע גרעניצען ווערען זיי-

וואס געהערט, וואס געזעהן.

אט ווי אזוי עס ווערט געלעזען דער יודען-פראבלעם...

גרינבוים וויל עמיגראציע, זשאבאטינסקי—עוואקואציע, מיניסטער בעק וויל אין נאמען פון די פוילישע רעגירונג אי דאס ערשטע, אי דאס צווייטע. דערווייל אבער לעבען אין פוילען דריי און א האלב מיליאן יודען, וועלכע דארפען און מוזען לעבען און ביז זיי, אונזערע גואלים, וועלען צווישען זיך אדורכקומען, וועלען מיר דערווייל אויסגעהן.

איבער די יודישע פאבריקען שלעפען זיך ארום הונדערטער יודישע פאופעריזירטע קליינהענדלער, בעלי מלאכות און סוחרים, וועלכע בעטען זיך, חלש'ען צו בעקומען ארבייט, אבער ווער האט די זכייה דערצו. אט לויף איך אליין שוין ארום עטליכע הדשים כסדר איבער די יודישע פאבריקען זובען ארבייט פאר עטליכע ארבייטסלאזע און פרנסה'לאזע יודען און קאן די דאזיגע ארבייט נישט געפינען.

טשעקאווע זענען אבער די תשובות, וועלכע די יודישע פאבריקאנטען גיבען די יודישע ארבייטס זוכער. זאל מען דעריבער פערצייכענען עטליכע אזעלכע תירוצים,

א) היות ווי די פאבריק מוז זיין טעטיג אום שבת, קאן מען נישט צונעמען קיין יודישע ארבייטער. ב) מען קאן זיך נישט איינרייסען מיט די קריסטליכע ארבייטער, וועלכע קוקען קרום, אויב מען דערלויבט זיך צוצונעמען א יודישען ארבייטער. ג) די יודישע ארבייטער זענען פיזיש שוואכער און דער עיקר—מיט א יודען קאן מען זיך נישט שאפען, ווי מיט א נישט-יודישען ארבייטער, ווייל אבצוטראגען א קעסטיל אויף דער פאסט וועט זיך דער יודישער ארבייטער געוויס שעהמען. ד) פארוואס זענען די יודישע ארבייטער נישט געקומען מיט יאהרען צוריק בעטען ארבייט, נאר ערשט היינט, ווען פאר זיי איז שוין נישטא קיין פלאץ.

איין תירוץ פון א פאבריקאנט איז מיר שטארק אריין אין קאפ. דער דאזיגער ארבייטס געבער האבענדיג א ווארעם יודיש הארץ איז גראד יא פעראינטערעסירט צו בעשעפטיגען יודישע ארבייטער, נאר די איינע צרה איז, וואס ביי איהם אין דער פאבריק זענען נויטי'ג ארבייטער, וועלכע זאלען זיין פאך-לייט, ווי שלאסער'ס, טאקער'ס אד"גל און צווישען אלע יודישע ארבייטער, וועלכע קומען זוכען ארבייט, זענען אזעלכע נישט פערהאנען.

ביי מיין לעצטען מאל זיין ביי דעם זעלבען פאבריקאנט, האט ער געבעטען: גיט מיר יודישע פאך-לייט און איך וועל זיי געבען בעשעפטיגונג. דערביי האט מען זיך אדורכגעשמועסט וועגען דער לאגע פון יונגען יודישען דור, וועלכער פערנאכלעסיגט זיין צוקונפט און בעת די קריסטליכע יוגענד געפינט זיך אין א גרויסער מעהרהייט אין די האנדווערקער-שולען, דרעהט זיך אונזער יוגענד אין דער זעלבער צייט ארום און וויל נישט טראכטען וועגען קיין תכלית. דאס איז די גרעסטע קללה, וואס העגנט איבער אונזער לעבען. וואלטען די יודישע בחורים זיך אויסגעלערנט א פאך, וואלט אפשר דער יודען-פראבלעם אנדערש אויסגעזעהן.

נאכ'ן דאזיגען געשפרעך האב איך געהאט בעשלאסען אנצושרייבען א שארף ארטיקעל און אויפפאדערען די יודישע יוגענד, אויפמערקזאם מאכען די יודישע עלטערן וועגען דער עולה, וואס זיי בעגעהן געגען זייערע קינדער, וועלכע לערנען נישט קיין פאך. ס'האט אבער געטראפען א מכשול און דאס ארטיקעלע איז נישט אנגעשריבען געווארען און אט צוליעב וואס:

אין טשענסט. איז פערהאנען א יודישער שלאסער-מייסטער, וועלכער נעמט פון צייט צו צייט אן ארבייט ביי די נייע געביידעס, וועלכע מען בויט איצט. ס'פעשטעהט זיך, אז דא קענען נאר גענומען ווערען אין בעטראכט יודישע אינטערגעהמונגען, ווארום אז א יוד זאל אין די היינטיגע צייטען קאנען אננעמען א שטיקעל ארבייט ביי א קריסטליכער איז דאך אויסגעשלאסען. מאכט זיך א מעשה, אז צוויי יודען, פרומע חסידישע יודען, וועלכע פאהרען קיין סאסנאוויץ צום רבי'ן, בויען א הויז, האבען זיך צו זיי געווענדען יודישע פאך-לייט, שלאסער'ס, סטאלארזשעס א.ד.גל. וועגען ארבייט, אבער די דאזיגע חסידישע יודען האבען אפילו מיט זיי נישט געוואלט רעדען און באלד אוועקגעגעבען די גאנצע ארבייט נישט-יודען. דערביי האבען די דאזיגע שותפים ש. און ק. זיך זאגאר אויסגעדריקט, אז זיי האבען פיינד, דאס יודען זאלען ארבייטען.

טא צו וואס רבותי, דארף מען אגיטירען, אז יודען זאלען זיך אויסלערנען א פאך, אז ווען זיי קאנען שוין יא א מלאכה, מיידען זיי אונזערע חסידישע הויז-ווירטען אויס.

איצט געה איך צוריק צום געשפרעך, וואס איך האב געהאט מיט דעם יודישען פאבריקאנט, וועלכער האט געהאלטען אין איין טענה'ן, אז אויב יודען וואלטען געווען פאך-לייט, וואלט דער יודישער פראבלעם געלעזט געווארען, און כ'פרעג: אז ווען ס'זאלען ביי אונז חס ושלום זיין א סך אזעלכע, ווי עס זענען די שטאהל-קאהן גבירים, צי וואלט געקאנט געלעזט ווערען דער יודישער פראבלעם?...

נישטא וואס מקנא צו זיין...

מ'רעפט מיך א בייגעל-הענדלערין און האט צו מיר א טענה, באשר איך האב געהאט געשריבען אין מיין „וואס געהערט און געזעהן" וועגען איהר מאן דעם געלען בייגעלהענדלער, וועלכער קריכט ארום מיט זיין קראם ביז שפעט אויף דער נאכט אין אלע געזעלשאפטען און אינסטיטוציעס, ביז ער ווערט „פטור" די סחורה; האלט זי די יודענע, אז איך האב איהר געטהון אן עולה, ווייל זי האט מורא, דאס מענשען וועלען זי מקנא זיין פון די גרויסע גליקען, וואס זיי מאכען, דאן האבען זיי מורא, אז די פאליציי קאן זיך נאך דערוויסען פון דעם און בעזונדער, אז זיי וועלען מוזען בעצאהלען פאדאטקעס מעהר, וויפיעל די בייגעל בעטראפען.

פאקטיש אבער—בעקלאגט זיך פאר מיר די יודענע—ריכטען זיי זיך אויס א שווארץ יאהר. זיי שלעפען זיך ארום א גאנצען טאג מיט'ן קויבער בייגעל, און אויב ס'געשעהט נישט קיין אויסטערלישעס און זיי פערקויפען די גאנצע סחורה, פערדינען זיי א גאנצען גילדען. דעריבער—פערענדיגט זי איהר פרעטענסיע—איז נישטא וואס מקנא צו זיין. בעסער—זאגט זי וואלט איך געשריבען אנ'אפעל צו די יודישע איינוואוינער, אז זיי זאלען קויפען בייגעל.

ביי דער געלעגענהייט דערמאן איך זיך א סצענע פון אנ'אנדערען בייגעל-הענדלער, וועלכער שטעהט מיט זיין סחורה אין נייעם מארק פאר פירשטענבערג'ט געשעפט קומען צו געהן עטליכע קריסטליכע „אורוויסעס" און מאכען זיך קויפען בייגעל. דערווייל כאפט איינער פון זיי א גרויסען בייגעל און אנטלויפט. יאגט דאך איהם דער בייגעל-הענדלער נאך, כאפען דערווייל די צוויי שותפים אויך יעדער א בייגעל און אנטלויפען.

אז דאס פערדינסט פון דעם זעלבען טאג האט שוין נישט דערגרייכט צו א זלאטי, איז א פאקט און דעריבער איז אט די דאזיגע „שפע'דיגע" בעלי-פרנסות נישטא וואס מקנא צו זיין...

עס איז טאקי עוואקואציע.

די פאריגע וואך האב איך די לעזער דערצעהלט א מעשה וועגען כלל-טהוער, וועלכע בעמיהען זיך צו מאכען זייער הויז אין דער צווייטער אלעע יודען-ריין און דערביי האב איך געשטעלט די לעזער א פראגע צי מען קען די דאזיגע האנדלונג קוואליפיצירען אלס פערווירקליכונג פון עמיגראציע אדער עוואקואציע. און שטעלט אייך פאר, אז א גאנצע רייהע לעזער האבען זיך טאקי אבגערופען און דורך צעהנדליגער בריעף אין רעדאקציע האבען זיי זיך אויסגעדריקט, אז די דאזיגע האנדלונג פון יודישע כלל-טהוער, איבערהויפט אין דער איצטיגער שווערער צייט פאר יודען, דארף אויפ'ן שארפסטען אופן געטאדעלט ווערען.

דערביי דערצעהלט איין לעזער אין א בריעף, אז דער דאזיגער סיסטעם, וואס ווערט אנגעווענדעט אין הויז אין דער צווייטער אלעע איז א רינג אין דער קייט פון דער גאנצער ארבייט פון איינעם פון דעמזעלבען הויז-ווירט, וועלכער ווענדעט אן די זעלבע מעטאדע אין אלע זיינע הייזער, וועלכע ער פערמאגט אין טשענסטאכאוו.

אזוי, למשל, האט דער זעלבער כלל-טהוער א הויז אויף אגראדאווע.

ערע בעפעלקערונגען ממש דערשטיקט: נישטאָ גענוג לאנד אויף צו ציהען פשוטע חיונה, און נישט גענוג רויה-מאַטעריאַלען אויף צו בעשאפען „פרנסה" פאר דער אינדוסטריע.

נישט ווילענדיג שווימט דאָ ארויף אין זכרון די תלמודישע בעגרינדונג, פארוואס דאס אלט יודישע פאָלק האט אונטער דוד'ס אויבערהערשאפט קריגעריש איינגענומען אָדער אונטערגעיאָכט אזוי פיעל שכנים זיינע. די עלטסטע פון דעם פאָלק זאלען האבען געקומען צו דוד'ן מיט דער טענה: „עמך ישראל צריכין פרנסה". ס'הייסט „נישטאָ קיין „פינוסע" „דוד המלך"!, ענטפערט דוד „לכו והתפרנסו זה מזה", ס'הייסט: „פערדינט איינער פון דעם אַנדערען". ענטפערען די עלטסטע „אין הבור מתמלא מחוליתו"! „אַ גרוב קאן מען נישט פול מאכען מיט דעם זאַמד וואס אין איהם. וואס זאלען מיר טהון? בייסען, ווי מענדעלע מוכר ספרים, די ציצות אויף מזוזות און רומל-ספרים אויף מעשה-ביכלעך?" דערהערט אזעלכע פשוטע יודישע רייד אין מאַמע-לשון, האט שוין דוד המלך קיין אַנדערע ברירה נישט געהאט און געזאגט: „לכו והתפשטו בגדוד!", ס'הייסט: „נעהמט זיך פאר די פייל און בייגנס און פערפיהרט א מלחמה!"

אנ'אַלט-אַלטער מאָטיוו, האבען יאַפאַניע, איטאַליע און דייטשלאנד אויך איצטער א רעכט ארויסצורוקען דעם זעלביגען אויסרייד פון „נישטאָ קיין פינוסע"? אויב „פינסה" זאָל מיינען חיונה. די מעגליכקייט ארויסצובראַנגען פון זייערע אייגענע לענדער גענוג רויה-מאַטעריאַלען פאר שפייז, קליידונג, וואוינונג, אבהיטונג פון געזונד און מענשליכע בילדונג, האבען סיי דייטשלאנד, סיי איטאַליען גענוג לאנד. מענשליכע ארבייט און וויסענשאַפט, כדי צו פערזיכערען יעדען איינעם מיט א זעהר חשוב'ן, מענשליכען אויסקום. דאס האט פראָפעסאָר באַלאַרסי מיט סאַציאַליסטישע סטאַטיסטיק בעוויזען נאָך אין דעם סוף פון דעם פאַריגען יאהר-הונדערט. אויך מוסאָליני האט זיך דאָך אין דער צייט פון די „סאַנקציעס" בעריהמט, אז „איטאַליען קאָן מען שוין איצטער נישט אויסהונגערן". די טענדענץ צו „אוטארכיע" צו בעפרידיגען אין פולער מאָס, מיט די אייגענע מיטלען פון דעם לאנד, אלע מאַטעריעלע הצטרכות'ן האט אין איטאַליען, אין דער אמת'ן, דערגרייכט אזא מדרגה, אז זי וואָלט געקאָנט אויסקומען אָהן דער איבעריגער וועלט. און וויפיעל נישט בעארבייטע לענדער האט נאָך איטאַליען און איהר „קאָלאָניעס" וואס קאָנען מיט דער הילף פון דער מאָדערנער טעכניק פערוואַנדעלט ווערען אין א גן עדן!

זעהט איהר יאפאַניען, האט גראָד אַמאָל געהאט א געוויסע רעכט צו בעקלאָגען זיך אויף „דערשטיקט ווערען". אָבער נישט איצט, ווען זי האט שוין אי מאַנדזשוריע, אי א גוטען ביסעל כינע.

די צרה מיט דער איצטיגער „וועלט, וואס לעכצט נאָך פרידען" איז, וואס מיט „פינוסע" מיינט מען נישט חיונה, נאָר פעטע פּראָפיטען פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע, וואס קאָנען געמאַכט ווערען נאָר אויף דעם וועלט-מאַרק. דאַרף מען האבען רויה-מאַטעריאַלען פאַר דער עקספּאָרט אינדוסטריע. דאַרף מען קעמפען פאַר א „זיניגען פּלאַץ", אויף דעם וועלט מאַרק, דאַרף מען האבען רויה מאַטעריאַלען פאַר א גרויסער אינדוסטריע, שוין צוליב ריין-מיליטערישע צילען. אָט דאָ, אין דעם קאַפּיטאַליסטישען סדר פון דער וועלט ליגט אויך איצט, ווי פריהער, ווי פאַר דעם ערשטען וועלט-קריג, דער אמת'ער וואָרצעל, פון וועלכען עס וואַקסט ארויס די גרויסע סכנה פון א נייעם וועלט-קריג.

אין אָט דעם פּרט איז „די וועלט" אין דער זעלביגער לאַגע, וואס אין 1914, אָבער עס זענען דאָרט צוגעקומען צוויי נייע מאָטיוון וואס פערשאַרפען צווישענפעלקערליכע קאָנפליקטען, וואס האבען אין ערשטען וועלט-קריג נישט געשפּיעלט קיין בעדייטענדע ראָל, — מאָטיוון, וואס וואַקסען ארויס פון דעמזעלביגען גייסטיגען וואָרצעל. צו דעם אַלטען נאַציאָנאַל שאָוויניסטישען מלחמה מאָטיוו קומען איצט נאָך צו: דער פּאָליטישער מאָטיוו פון דעם קאַמף צווישען דעמאָקראַטיע און פאַשיזם און דער סאָציאַלער מאָטיוו פון דעם קאַמף צווישען קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם.

ס'מוז אונטערגענומען ווערען א קאמף געגען היימישען אנטיסעמיטיזם

אין אלע צייטען, ווען דער אנטיסעמיטיזם האט אין וועלכען ס'איז לאנד אנגעהויבען פערשפרייטען זיינע פליגעל, האבען יודען שטענדיג אָרגאַניזירט אַנ'אָבוועהר-קאַמף. זיי האבען ארויסגעלאָזט בראָשורען אין דער לאַנדעס-שפראַך, אין וועלכע זיי האבען אויפגעוויזען די לעכערליכקייט פון די פערשיידענע אויסגעטראַכטע בלבולים אויף יודען. און נישט בלויז יודען, נאָר אפילו ליבעראַלע קריסטען, פראָמינענטע געזעלשאַפטליכע טהוער, זשורנאַליסטען, געלעהרטע, זענען שטענדיג ארויסגעטרעטען אין דער עפענטליכקייט צו פערטיידיגען דאס יודישע פאָלק און אויפגעוויזען, אז דער אַנטיסעמיטיזם איז נישט מעהר, ווי א רייט-פערד פון א געוויסער קליקע, כדי צו שלאָגען קאַפּיטאַל פאר זייער פּאַרטיי. פאַקטיש האבען די אלע בלבולים נאָר איין צוועק—צו פערבלענדען די מאַסען, צו רייצען זייערע נידעריגע אינסטינקטען.

זינט היטלער איז אין 1934 טען יאהר געקומען צו דער מאַכט, האט זיך אויך ביי אונז אין פוילען דער אנטיסעמיטיזם פערשטאַרקט, און אויסער די העסליכע אנטי-יודישע אָנפאַלען פון כוליגאַנעס אויף די פוילישע גאַסען, די ווילדסטע העצעס אין די הויך-שולען איז נאָך צוגעקומען די שחיטה גזירה, וועלכע אונזערע דעפּוטאַטען, וואס זענען אויסגעוועהלט געוואָרען מיט יודישע שטימען, האבען אונז אלס דאנקבאַרקייט געשענקט פאַר א מתנה...

וואס טהוט צו דעם אלעם די יודישע געזעלשאַפט אין פוילען? כמעט ווי גאָרנישט!

לויט אונזער מיינונג, דאַרף געשאַפען ווערען אין יעדער שטאָדט און שטעדטיל פון פוילען קאָמיטעטען מיט א צענטראַלע אין וואַרשא, וועלכע זאָל האבען די אויפגאַבע דורך פּראָפּאַגאַנדע צו בעקעמפען דעם ווילדען אַנטיסעמיטיזם, ווי אויך וועקען, רופען, דערמאַנען די פוילישע ליבעראַלע, סאָציאַליסטישע און דעמאָקראַטישע בירגער, אז אויך זיי פון זייער זייט זאָלען פיהרען דעם קאַמף מיט דעם אלץ וואַקסענדען אַנטיסעמיטיזם גיפט.

די לעצטע צייטען זענען די פוילישע צייטונגען פול מיט דעם פּראָבלעם וועגען דער יודישער עמיגראַציע, יעדע צייטונג גיט אלץ אַנדערע פּלענער, ווי אזוי פון די יודען פּטור צו ווערען, איינע גיט אַנ'עצה ווי אזוי ארויסצושיקען 80 טויזענד יודען א יאהר; א צווייטע צייטונג וויל נישט אַנדערש נאָר, אז מען זאָל ביי די יודען צונעמען די רעכט; א דריטע צייטונג געהט נאָך ווייטער און פאָדערט, אז מען זאָל אלע יודען ארויסטרייבען. דאס ווערט אזוי טאג טעגליך איינגעפּרעגט אין די מחות פון די מיליאָנען פּאַליאַקען און ס'איז נישטאָ קיינער, ווער עס זאָל די דאָזיגע אונזיניגקייטען אויפקלערען און אויפווייזען, או גראָד פערקעהרט, אז יודען זענען א פּראָדוקטיווער עלעמענט און דער אַנטיסעמיטיזם אין פוילען איז נישט מעהר, ווי א מיטעל פון די ענדעקעס, כדי צו קאָנען קומען צו דער מאַכט.

מען דאַרף אויפווייזען, אז אויך שפּאַניען האט אַמאָל ארויסגעטריבען די יודען און באַלד נאָכ'ן גירוש איז שפּאַניען פעראָרימט געוואָרען און פון דעמאָלס ביז היינט זענען שוין דאָרט פאָרגעקומען עטליכע הונדערט רעוואָלוציעס. דאַגעגען אין די לענדער, וואו עס לעבען יודען אין קאָמפּאַקטע מאַסען און זיי ווערען נישט פערפאָלגט, פיהלט זיך אַנ'אויפלעבונג אויף אלע געביטען.

מיט איין וואָרט, עס מוז אָרגאַניזירט ווערען א שטאַרקע אָבוועהר-אַקציע, דורך שאַפען די אזוי גערופענע קאָמיטעטען צו בעקעמפען דעם אַנטיסעמיטיזם.

וואַרטען ביז וואַרשא וועט קומען מיט אזא פּראָיעקט, קאָן זיין צו שפּעט. זאָל דעריבער די פּראָווינץ נעמען ס'וואָרט אין דער פּראַגע, אָט האָט דאָך למשל, טשענסטאָכאָוו, ארויסגעגעבען די ערשטע בראָשור געגען דער שחיטה-גזירה און דערנאָך איז ערשט געקומען וואַרשא. זאָל אין דעם פאַל אויך די פּראָווינץ זיין די, וועלכע זאָל מאַכען די התחלה און גרינדען אַזעלכע קאָמיטעטען, כדי צו בעקעמפען דעם היימישען אַנטיסעמיטיזם.

ש. ד. שלעזינגער.

טשעקאָווע ידיעות

ראַדיאָ אין ווירטשאַפטליכען לעבען

ס'לאָזט זיך היינט נאָך נישט זאָגען גענוי, ווי ווייט דער ראַדיאָ האט משפיע געווען אויף דעם קולטורעלען לעבען פון דער וועלט בכלל און פון איינצעלנע לענדער בפרט. אָבער ווי גרויס ס'איז די השפעה פונ'ם ראַדיאָ אויפ'ן ווירטשאַפטליכען לעבען פון דער וועלט, דעריבער קען מען זיך שוין היינט מאַכען א בעגריף.

ביז צום יאהר 1936 זענען געווען אויפגעשטעלט אויף דער וועלט 136 גרויסע ראַדיאָ - סטאַציעס און 35.638 קליינע זענדערס. ביז צום היינטיגען טאָג איז די צאָהל נאָך גרעסער געוואָרען, די דאָזיגע סטאַציעס מיט זייערע טייערע אַפּאַראַטען האבען פערשלינגען א קאַפּיטאַל פון מיליאַרדען דאָלאַר. זיי האבען געגעבען בעשעפטיגונג פאַר טויזענדער און צעהנטויזענדער מענשען אויף דער גאַנצער וועלט.

דערצו קומט נאָך, אז די ראַדיאָ-אינדוסטריע האט געשאַפען טויזענדער נייע פאַבריקען, וואס מאַכען יעדעס מאָל נייע טיפּען פון ראַדיאָ-אַפּאַראַטען, צוגעהערען צום ראַדיאָ וכדומה. זיי ווידער האבען געשאַפען חוץ ארבייט פאַר הונדערט טויזענדער אין די פאַבריקען גופא, אויך נייע מעגליכקייטען פאַר'ן האַנדעל מיט זיינע נייע אנגעשטעלטע און ארבייטער. שוין נישט צו רעדען פון טויזענדער קינסטלער, וואָס האבען איצט א ניי פעלד צו ארבייטען ביי די פּראָגראַמען וואָס די פערשידענע סטאַציעס שטעלען צונויף יעדען טאָג.

וויל מען זיך מאַכען א בעגריף פון דעם גרויסען געווינס, וועלכען דער ראַדיאָ האט געבראַכט דעם ווירטשאַפטליכען לעבען אין די לעצטע יאָהרען, אזוי גענוגט עס זיך אָנצוקוקען א סטאַטיסטיק איבער די צאָהל פון די ראַדיאָ הערער אין פערשידענע לענדער.

אין דרום אמעריקא למשל זענען אָנהויב 1928 געווען בלויז זעקס מיליאָן ראַדיאָ הערער. אָנהויב 1936 זענען שוין געווען 21 מיליאָן הערער, דאָס הייסט מעהר ווי דריי מאָל אזוי פיעל. נאָך מעהר געשטיגען איז די צאָהל פון די ראַדיאָ-הערער אין רוסלאַנד. דאָרט זענען געווען אָנהויב 1928 בלויז 220 טויזענד הערער, אָנהויב 1936 איז די צאָהל געשטיגען אויף צוויי און א האַלבען מיליאָן. דאס איז מעהר ווי צעהן מאָל אזוי פיעל.

פוילען האָט געהאט אָנהויב 1928 נישט מעהר ווי הונדערט טויזענד הערער, היינט האבען די פוילישע סטאַציעס 375 טויזענד אַבאָנענטען. אמת איז, אז די צאָהל פון די פוילישע אַבאָנענטען איז נאָך היינט אויך קליין, ווען מ'זעהט, אז קלענערע לענדער ווי למשל עסטרייך האט 528 טויזענד אַבאָנענטען (אין יאהר 1928 בלויז 290 טויזענד), דענעמאַרק 568 טויזענד (175.000), שוועדען 733 טויזענד (320), טשעכיען 694 טויזענד (225), שווייץ האט אויך בלויז 356 טויזענד הערער, אָקעגען 59 טויזענד אָנהויב 1928. רומעניע האט אין יאהר 1928 געהאט בלויז 15 טויזענד הערער, היינט האט עס מעהר ווי הונדערט טויזענד. ענגלאַנד, פראַנקרייך, יאַפּאַן און אַנדערע גרויסע לענדער האבען אָנהויב 1936 געהאט דריי מאָל אזוי פיעל ראַדיאָ-הערער ווי אָנהויב 1928. בסך הכל רעכענט מען אויף דער גאַנצער וועלט מיט מעהר ווי 50 מיליאָן ראַדיאָ-הערער, וואס האבען ביי זיך אייגענע אַפּאַראַטען.

אוודאי מוז מען דערמיט אויך רעכענען, אז די צאָהל פון די הערער זענען שוין כמעט איינגאַנצען דערפולט. מעהר בעלנים וועלען נישט צוקומען, אָלענפאַלס נישט אין דער צאָהל ווי ביז איצט. ס'קען אויך מעגליך זיין, אז אין איינצעלנע לענדער וועלען די אַבאָנענטען אָבפאַלען. קוקט מען זיך אָבער צו צו די געוואַלדיגע ציפערען פון די ראַדיאָ-אַבאָנענטען אין די פערשידענע לענדער פון דער גאַנצער וועלט, אזוי זעהט מען, אז גראָד דער ראַדיאָ האט אין אונזער ווירטשאַפטליכען לעבען געמאַכט אזא גרויסע איבערקעהרעניש, ווי קיין שום ערפינדונג פון די לעצטע הונדערטער יאהר האט עס נישט געמאַכט.

ז. האבער, ווינ.

האבען דאָרט געהאַט זייערע געוועלבער יודען. לעצטענס אָבער בעמיהט זיך דער דערמאַנטער הויז-ווירט די יודען ארויסצושטופּען און זייער אָרט ווערט פערנומען דורך נישט יודען, אזוי אז אויך דאָרט אין הויז אויף אגראַדאָווע גאַס, וועט גאָר אין קורצען זיך נישט געפונען קיין איין יוד.

אין דעמזעלבען בריעף דערצעהלט דער לעזער, אז אין הויז צווייטע אַלעע 24 האבען א סך יודען געהאַט זייערע געוועלבער, היות אָבער ווי דאס הויז געהער צו נישט יודען, האבען די לעצטע געפיהרט אזא פּאָליטיק, אז דאס הויז איז געוואָרען יודען ריין. היינט וועט איהר אין הויז אַלעע 24 נישט געפונען קיין איין יודיש געוועלב. אָז א יודישער כלל-טהוער, וועלכער האט פּרעטענסיעס צו זיין דער טאַטע פון דער עדה יודען אין אונזער שטאָדט, זאָל אָנווענדען די זעלבע אַנטי-יודישע מעטאָדע איז אַ סקאַנדאַל. אָט די דאָזיגע האַנדלונג — פערענדיגט דער לעזער — איז טאַקי אמתע עוואַקואַציע...

עס וועט זיין דער אמת'ער פּאַרק...

געוועהנליך פיהרט זיך, אז אין א מאַרק האַנדעלט מען און אין אַ פּאַרק שפּאַצירט מען. ווי איז אָבער דער דין, אז מען פערוואַנדעלט א מאַרק אין אַ פּאַרק, טאָ וואס דאַרף מען דאָרט טהוען: האַנדלען צי שפּאַצירען?

ווער געדענקט נישט, ווי אזוי עס האט אויסגעזעהען דער אַלטער-מאַרק: אַרום און אַרום געוועלבער, אויסער דעם אויך בוידען. שפּעטער, ווען די בוידען זענען אָוועקגענומען געוואָרען, זענען צעהנדליגער יודען געשטאַנען מיט סטראַגאַנעס און ווי נישט ווי ארויסגעצויגען בדוחק א שטיקעל פּרנסה.

לעצטענס אָבער האט מען דעם אַלטען מאַרק פערוואַנדעלט אין א פּאַרק. אויפ'ן אָרט, וואו עס זענען געשטאַנען די בוידען און סטראַגאַנעס, וואַקסט גראָז און ס'זענען פערזייהט בלומען. ס'זענען אויך אָוועקגעשטעלט געוואָרען בענק, כדי זיך צו קענען אָפּרוהען. מיט איין וואָרט—א פּאַרק, ווי אלע פּאַרקען. עס איז דאָך אָבער דער אַלטער-מאַרק- דער געוועזענער האַנדעלס-צענטער פון דער אַלט-שטאָדט, וואו אַרום און אַרום זענען נאָך פערבליבען געוועלבער מיט סחורות, קומט דאָרט טאַקי פאָר א ויתרוצצו. די סוחרים, וועלכע דאַרפען לייזען, קעמפען מיט דער פרישער לופט, וואס מען האט אין ניי געשאַפענעם פּאַרק, און ווי ס'ווייזט אויס, האט דער פּאַרק געזיגט. ביי מיין לעצטען בעזוך אין אַלטען מאַרק, האָב איך געטראָפען עטליכע געוועלבער שוין פערמאַכט און ס'זענען נישטאָ קיין בעלנים זיי צו דינגען. ווי די דאָרטיגע איינוואוינער ערקלערען, וועלען פון ערשטען סטיטשען 1937 זיך פערמאַכען נאָך א רייהע געוועלבער. און אזוי כסדר, ביז זיי, די, וועלכע האבען געוואָלט ליקווידירען דעם אַלטען מאַרק, וועלען זייעריס האבען דערגרייכט. עס וועט שוין דאָרט קיין מאַרק נישט זיין, עס וועט זיין דער אמת'ער פּאַרק...

עס איז געווען שעהן, עס איז געווען הערליך, אָבער...

כ'וועל אייך דערצעהלען, רבותי, וועגען צוויי פייערונגען, וואס איך האָב די וואָך בייגעוואוינט, און איך מוז מודה זיין, אז זיי זענען געווען שענע, הערליכע פערראַנשטאַלטונגען, אָבער פאָרט האבען זיי ביי מיר אין הארצען איבערגעלאָזט א בלויז, וואס נאָגט און געפינט נישט קיין ענטפער.

אין דער פּאָוושעכנער שולע נומער 13 איז פאָרגעקומען א פייערליכער אַקט פון אָנרופען די שול-ביבליאָטעק אויפ'ן נאָמען פון דער שול-לייטערין פּרל. גאַטאַליאַ שאַכער.

די ביבליאָטעק האט א גרויסע צאָהל ביכער און מסתמא גוטע ביכער און די שול-קינדער וועלען קאָנען שעפּען מיט גאַנצע עמער תורה און חכמה. דאַכט זיך, וואס קאָן נאָך זיין שענער און בעסער. אויך די פייערונג איז געווען א געהויבענע מיט רעדעס, בעגריסונגען און בלומען, מתנות, טרעהרען פון פרייד, בעגייסטערונג, אלץ, וואס איז אזוי נויטיג פאַר דער נשמה. איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, אז די דאָזיגע ביבליאָטעק פייערונג האט מיך אויך מיטגעריסען און דער פּולס האט אויף א פּאָר מינוט שטאַרקער געקלאַפּט.

פונדעסטוועגען, רבותי, זאָג איך, אז איך בין נישט אויף די גאַנצע הונדערט פּראָצענט צופרידען און אָט פאַרוואָס: אין דער דאָזיגער פּאָוושעכנער-שולע לערנען סאַמע יודישע קינדער, אונזער בלוט און פלייש, דער צוקונפטיגער דור. פאַר'ן רוב קינדער, וואס לערנען זיך אין דער פּאָוושעכנער שולע, איז דאס זייער גאַנצע בילדונג, שפּעטער מוזען זיי געהן צו א פאַך. קומט דאָך אויס, אז דעם גאַנצען גייסטיגען באַגאַזש, וואס די קינדער נעמען אויף זייער גאַנץ לעבען, איז נאָר פון דער פּאָוושעכנער שולע. טאָ פאַרוואָס איז דאָרט אין דער ביבליאָטעק נישט פערהאַנען קיין יודישע ביכער. אויב מען וועט מיר ענטפערן, אז ס'איז נישט ערלויבט צו האבען קיין יודישע ביכער, כ'מיין מיט יודישע אותיות, טאָ כאָטש פּוילישע ביכער פון יודישע שרייבער. פאַר וואָס זאָלען טויזענדער יודישע קינדער, וועלכע לערנען אין די פּאָוושעכנע שולען גאָרנישט וויסען וועגען אונזער הערליכער ליטעראַטור.

אמת, מען וועט ווייטער ענטפערן, אז דער איצטיגער סיסטעם פאָדערט אזוי און נישט אַנדערש. ריכטיג, אָבער דאס ענדערט נאָך נישט די פאַקטישע לאַגע. די יודישע קינדער ווערען דאָך מיט געוואַלד און בהדרגה אָבגעריסען פון אונזער גייסטיגען קוואַל, און אָט דאס איז דער בלויז, וואס בלייבט איבער אין הארצען ביי אזא מעג עס אפילו זיין גרויסען קולטור-יום טוב.

ווייטער — לויט דער איניציאַטיוו פון די היגע יודישע געזעלשאַפטליכע גימנאַזיעס איז פאָרגעקומען דעם פערגאַנגענעם מאָנטאָג א קאָנצערט פון העברעאישע לידער פון די שילער פון א לאָדזער יודישען גימנאַזיום.

דער קאָנצערט איז ווירקליך געווען א פּרעכטיגער. סיי דער כאָר און סיי די סאָלאָ'ס פון די 2 שילערינס טויבענשלאַק און בעער, האבען ממש בעגייסטערט די צוהערער און מען האט געהאט א גייסטיגען נחת-רוח. אויך אויף מיר האט דער קאָנצערט געמאַכט א גוטען איינדרוק. אָבער אויך דאָ איז געבליבען א בלויז. כאָטש דאָ שטעלט זיך די זאַך שוין פאַר אַנדערש. דאָ האט מען געזונגען העברעאיש און אויך לידער פון נייעם לעבען, וואס יודען בויען אין זייער אַלט ניי-לאַנד. אָבער זאָל מען זיך זאָגען דעם אמת: צווישען די פיעל הונדערטער צושויער אויפ'ן קאָנצערט האבען דאָך קיין צוויי פּראָצענט נישט פערשטאַנען, וואס מען האט געזונגען. און אויך דאס שאַדט נישט — וועט מען מיר ענטפערן. זאָל זיך אויסדרוקען, אז מען איז אויף א קאָנצערט פון איטאַליענישע לידער און פונדעסטוועגען איז מען צופרידען, כאָטש אין דעם פאַל קאָן מען דאס נישט זאָגען, ווייל סוף כל סוף איז דאָך העברעאיש אונז נעהנטער, ווי איטאַליעניש, אָבער פאַרוואָס, מיינע פריינד, קאָן נישט געמאָלט זיין, אז אזא הערליכער כאָר זאָל אין זיין פּראָגראַם אויך האבען א לידעל אויף יודיש. צום טויזענדסטען מאָל שטעלט זיך די פּראַגע, פאַרוואָס איז די שפּראַך פון דעם פיעל מיליאָניגען יודישען פאָלק טאַקי טריפה, אז מען טאָר זי נישט דערמאָנען.

זייט מיר מוחל פאַר די דאָזיגע בעמערקונגען. אוודאי וואָלט געווען בעסער, ווען איך וואָלט פערשוויגען אזעלכע נשמה-וועהטאָגען, מען וואָלט מיך געהאַלטען פאַר א סאָלידען און „אייגענעם"... ס'איז אָבער מערפאַלען, דער וואָרעם, וואס ליגט טיעף אין מיין נשמה, לאָזט מיך נישט רוהען און מוז אפילו ביי אזעלכע באמת גרויסע און הערליכע יודישע ימים-טובים דערצעהלען וועגען די בלויזען, וואס בלייבען אין הארצען פון א יודישען זשורנאַליסט.

ליתן.

צו אלע יודישע האנדווערקער, געזעלען און לערן-יונגלעך

אין שייכות מיט דער אקציע, וואס איז אונטערגענומען געווארען דורכ'ן פעראייניגטען קאמיטעט פאר די ענינים פון יודישער מלאכה צו בעוועגען יודישע בעלי-מלאכות און לערן-יונגלעך אויסצונוצען דערגרייכטע הנחה-צירקולארען פון מיניסטעריום פאר האנדעל און אינדוסטריע, האט דער קאמיטעט פערעפענטליכט אנ'אפעל צו אלע יודישע עלטערן און בעלי-מלאכות, לערן-יונגלעך און לערן-מיידלעך. ווי אויך צו אלע יודישע געזעלשאפטליכע עסקנים, וואס דער גורל און די צוקונפט פון דער יודישער מלאכה אין פוילען איז זי טייער. אינ'ם אפעל לייענען מיר צוו. אנד. אט-וואס:

דאס מיניסטעריום פאר האנדעל און אינדוסטריע האט אויסנאהמווייז ערלויבט אלע בעלי-מלאכות אין געוו. קאנגרעס פוילען און קרעסען ביז'ן 31-טען דעצעמבער ד. י. צו שליסען אבמאכען וועגען דער לעהר מיט זייערע לערן-יונגלעך. נאכ'ן 1-טען יאנואר 1937 וועט מען קאנען אנקומען אויף דער לעהר נאר צו בעלי-מלאכות, וואס זענען ספעציעל בערעכטיגט צו לערנען יוגענדליכע א פאך.

עס ליגט סיי אינ'ם אינטערעס פונ'ם בעל-מלאכה און סיי אינ'ם אינטערעס פונ'ם לערן-יונגעל גופא אויסצונוצען דעם דאזיגען לעצטען טערמין ווי אם-בריימסטען.

געדענקט, אז יעדער יוגענדליכער, וואס וועט דעם דערמאהנטען טערמין דורכלאזען, וועט פערלירען שפעטער דאס רעכט צוצוטרעטען צום געזעלן-עקזאמען און זיין גאנצע ביז-איצטיגע לערן-צייט וועט געהן לאיבוד.

יודישע האנדווערקער! פערגעסט ניש, אז שליסען אנ'אבמאך מיט'ן לערן-יונגעל אדער מיט'ן לערן-מיידעל ליגט אויך אין אייער אינטערעס, ווארום יעדער בעל-מלאכה, וואס וועט זיך ערלויבען, נאכ'ן 31 טען דעצעמבער ד. י. צו בעשעפטיגען אונלעגאל לערן-יונגלעך, וועט בעשטראפט ווערען און חוץ דעם וועט ער אויך זיין פעראנטווארטליך פאר דער גע'פטר'טער צייט פון דעם לערן-יונגעל.

אין דעם אפעל ווערט דערביי אויפמערקזאם געמאכט, אז רעגיסטרירטע לערן-יונגלעך ווערען נישט פעררעכענט אלס ארבייטער (דורך דער שטייער-מאכט) און מען דארף צוליב דעם נישט האבען קיין העכערע קאטעגאריע פאטענט. פאר א לעגאלען לערן-יונגעל צאהלט מען אויך ווייניגער אין קראנקען-קאסע.

צום סוף ווענדט זיך דער פעראייניגטער קאמיטעט, אינ'ם דערמאהנטען אפעל צו אלע האנדווערקער-ארגאניזאציעס, געזעלשאפטליכע עסקנים און בעזונדער צו די צעכען און פראפעסיאנעלע פעראיינען. וואס זייער מיט-הילף אין דער אקציע איז זעהר וויכטיג, אז זיי זאלען אויסנוצען זייער גאנצען איינפלוס און ענערגיע, כדי מיטצווווירקען צום ערפאלג פון דער אקציע, וואס האט אזא קאלאסאלע בעדייטונג פאר'ן דערהאלטען דעם ביז-איצטיגען בעזיץ אין דער מלאכה און אויך פאר דער צוקונפט פונ'ם יודישען האנדווערקער אין לאנד.

אינפארמאציעס ערטיילט דער סעקרעטאריאט פון האנדווערקער און די קאנצעלאריע פון דער האנדווערקער שולע.

נישט-געלונגענער ענדעקישער מאניפעס-טאציע - צוג.

מיט עטליכע טעג צוריק האט די ארטיגע ענדעקישע פארטיי זיך געווא-דען צו דער סטאראסטווע מיט דער בקשה זיי צו ערלויבען איינצוארדנען דעם 15 ד.ח. א דעמאנסטראציע צוג אויף זאוואדזיע לכבוד דעם חנוכת-הבית פון א נייעם לאקאל אויף מארישו-גאס.

די סטאראסטווא האט אבער אזא ערלויבניש נישט ערטיילט צוליב'ן אפ-טען איבערטראגען זיך פון די פארטיי-לאקאלען און אנערקענט, אז אין אזא פאל געניגט א בעשיידענע פייערליכ-קייט. איבערהויפט זענען ביי אונז אין שטאדט פערהאן 76 ארגאניזאציעס און ווען יעדע פון זיי זאל נאכטהון דעם דאזיגען ביישפיל און ביי אזעלכע גע-לעגענהייטען איינארדנען גאסען-מאני-פעסטאציעס, וואלטען זיי צו-אפט ביי אונז אין שטאדט פארגעקומען.

די ענדעקישע פארטיי האט זיך אבער נישט גערעכענט מיט'ן פערבאט און דאך ארגאניזירט דעם פערג. זונטאג א מאניפעסטאציע-צוג, אין וועלכען ס'האבען אנטיילגענומען אנ'ערך 200 פער-זאן.

דער פרעזעס פון „סטראנניצטווא נארדאווע" אין טשענסטאכאוו פיאטר קאזורסקי, ווי אויך די מיטגלידער דעסקא, באנאשקעוויטש און פוכאנא, זענען אלס די ארגאניזאטארען פון דעם מאניפעסטאציע-צוג געווארען צוגעצויגען צו געריכטליכער פעראנטווארטליכקייט.

נדבות אין רעדאקציע פאר „תומכי עניים"

דער אינהאבער פון קינא „סטילאווי" ה' וו. גאגוט פון פערקויפטע 150 בי-לעטען דורך ה. ב. באטשאן 15 זל. אויף ברויט.

ה' י. ג. צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטארבענעם פאטער 20 קילא ברויט.

ה' יצחק גרין 2 זל.

די פאפולערע ארטיסטען: שיינע מרים, אברהם וואלפשטאט און דוד קורלענדער אין טשענסטאכאוו.

ווי מיר האבען שוין געמאלדען, קו-מען אראב צו אונז אין שטאדט אויף איין פארשטעלונג, די ביי אונז גוט בעקאנטע און פאפולערע ארטיסטען, די פרעמירען פון „אראראט" שיינע מרים, די אויסגעצייכענטע ארטיסטען פון דער „ווילנער טרופע" אברהם וואלפשטאט און דוד קורלענדער, ווי אויך חנן לע-וועגשטיין מיט זייער געקליבענעם אנ-סאמבל, וועלכע וועלען אויפטרעטען אין דער לעצטענס בריהמטער סענסאציא-נעלער פיעסע פון זשאן פאבר א. ט. „זי, ער און דער דריטער".

סיי די פיעסע, וועלכע ווערט גע-שפילט איבעראל אויף אלע ביהנעס מיט'ן גרעסטען ערפאלג און סיי די בעוואוסטע ארטיסטען, וועלכע זענען שוין דעם היגען טעאטער-עולם גוט בע-קאנט פון זייערע פיעלמאליגע ארויס-טריטען – גיבען די פולע פערזיכערונג, אז דער איינציגער אויפטריט וועט דורך אלעמען צאהלרייך בעזוכט ווערען.

די פארשטעלונג קומט פאר זונטאג, דעם 22 ד.ח. 9 אווענד אין זאל פון די פייערלעשער.

בילעטען שוין צו בעקומען אין דרו-קעריי פון ה' באטשאן, אלעע 6. שבת א גאנצען טאג ביי דער קאסע פון טעאטער און זונטאג ווידער אין דרוקע-ריי פון ה' באטשאן.

נאך עטליכע טעג פון פערקויף פון די הנחה-בילעטען אין קינא „סטילאווי".

די הנחה-בילעטען, וואס זענען איינ-געפיהרט געווארען לכבוד דעם 17-יעה-ריגען יובל פון דער עקזיסטענץ פון קינא „סטילאווי", וועלען זיין אין פער-קויף נאר נאך עטליכע טעג.

די דאזיגע בילעטען, וואס קאסטען 1.10 זל. גיבען דאס רעכט צו זעהן 4 כסדר'דיגע פראגראמען, וואס וועלען דעמאנסטרירט ווערען אין דערמאנטען קינא „סטילאווי". די דירעקציע גיט די גאראנטיע, אז ס'וועלען געשפילט ווע-רען ערשטקלאסיגע פילמען.

די פערזאנען, וואס קויפען אויס די הנחה-בילעטען אין דער דרוקעריי פון ה' באטשאן, שטיצען דערמיט אויך די זעהר נוצליכע אינסטיטוציע „תומכי עניים", וועלכע בעקומט דערפון 10 פראצענט.

אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער געז. „טאז".

מארגען, שבת, דעם 21 ד. ח. קומט פאר די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמ-לונג פון דער געז. „טאז" מיט פאלגענ-דען סדר-היום: עפענונג, וואהלען פון פרעזידיום, פראטאקאל, בעריכט פון יאהר 1935—36, פרעלימינאר-בודזשעט אויפ'ן יאהר 1936—37, וואהלען פון 5 פערוואלטונגס-מיטגלידער און פערטרע-טער, וואהלען פון דער רעוויזיאנס-קאמיסיע און פערטרעטער און פרייע פארשלאגען.

פערזענליכעס.

די אבסאלווענטין פון היגען יודישען געזעלשאפטליכען גימנאזיום פרל. פאלא ראזענזאפט האט געענדיגט דעם מעדי-צינישען פאקולטעט אין פיזא (איטאליע) און בעקומען דעם דיפלאם אלס דאק-טאר מעדיצין.

דער אנטייל פון דער היגער אובעז-פיעטשאלניע אין דער ווינטער-הילף-אקציע פאר ארבייטסלאזע.

די הילף-אקציע אויפ'ן ווינטער פאר די ארבייטסלאזע, וואס איז אונטערגע-נומען געווארען דורך דער מלוכה און ווערט אדורכגעפיהרט צווישען אלע שיכטען פון דער בעפעלקערונג, האט געפונען א ברייטען אבקלאנג אויך אויפ'ן געביעט פון פערזיכערונגען און א געהעריגע פערשטענדניס, וואס ס'בע-ווייזט דאס גוטווילליגע בעשטייערען זיך לטובת דער דאזיגער אקציע פון די אנגעשטעלטע פון דער היגער אובעז-פיעטשאלניע אין דער הויך פון 1 פרא-צענט פון זייערע פערדינסטען, אנהויבענדיג שוין פון ליסטאפאד ה.י.

אונאבהענגיג דערפון האבען אויך די אינסטיטוציעס פון עפענטליכע פערזי-כערונגען, ווענעמס הויפט-אידעע ס'איז צו טראגען הילף די ברייטסטע ארביי-טער-מאסען אין די קריטישע מאמענטען פון זייער לעבען, אונטערשטיצט די דאזיגע אקציע דורך בעלעגען 1 מיליאן זלאטעס אלס נדבה, ארויסגעהענדיג פון שטאנדפונקט, אז פון דער ווינטער-הילף-אקציע וועלען געניסען אזעלכע פערזא-נען, וואס מיט'ן מאמענט ווען זיי ווע-לען בעקומען בעשעפטיגונג, וועלען זיי ארומגענומען ווערען מיט דער פערזי-כערונג און דאס שפעטערדיגע געניסען פון די שוויאדשעניעס וועט אין א גרוי-סער מאס זיין אבהענגיג פון די בעדינ-גונגען, אין וועלכע זיי וועלען זיך גע-פונען אין משך פון דער צייט פון זייער ארבייטסלאזיגקייט.

אויפ'ן דאזיגען ציעל האט די היגע אובעזפיעטשאלניע אסיגנירט די סומע פון 22.000 זלאטעס, וועלכע איז איבער-געוויזען געווארען דעם אלגעמיינעם ווינטער-הילפס-קאמיטעט און פון דארט וועט די סומע צוזאמען מיט אנדערע געלדער איינגעצאהלט ווערען דעם ארטיגען קאמיטעט.

אויסער דעם וועט די אובעזפיע-טשאלניע אין טשענסטאכאוו צוזאמען מיט דער אויפמעסטונג פון די פערזי-כערונגס-אבצאהלונגען צושיקען די אינ-דוסטריע-אונטערנעהמונגען דעם חשבון פון די דורך זיי דעקלארירטע סומעס אין דער הויך פון 1 פראצענט פון אר-בייטס-לויהן און דאס געלד איינקאסירען צום איבערשיקען דעם ארטיגען קאמי-טעט. די ארבייט ביים אויספיהרען די דאזיגע ציעלען האט די אובעזפיעטשאל-ניע אונטערגענומען נור צוליב דער וויכטיגקייט פונ'ם דאזיגען ציעל.

פאשיזם...

אויף דער איניציאטיוו פון ענדעקי-שע שילער, בהסכם מיט דער דירעקציע, איז געווארען רעדאנירט אין ווילנער מענער-גימנאזיום א בעגריסונגס טעלע-גראמע צום גענעראל פראנקא צוליעב זיין נצחון איבער די „רויטע". די טע-לעגראמע, וועלכע איז געווען פערזע-עען מיט די לאזונגען: זאל לעבען דאס קאטוילישע שפאניען! זאל לעבען גענע-ראל פראנקא! געה פון זיעג צו זיעג! א. ד. נל. איז געווארען פארגעלעזען אין יעדער קלאס בעזונדער...

פערהאלטען א פרוי מיט א טויט קינד אונטער'ן ארעם.

אין דער געגענד פון דארף רודניק, נעבען וויעלון, האט זיך ארומגעדרעהט א היימלאזע יונגע פרוי מיט א פעקיל הינטער'ן ארעם, זוכענדיג ארבייט ביי-טאג און ביינאכט – א נאכטלעגער.

די דאזיגע פרוי, וועלכע האט מיט איהר אויסזעהן ארויסגערופען מיטלייד ביי איינער פון די פויערטעס, האט בעקומען א נאכטלעגער און צוקאפענס זיך אונטערגעלעגט דאס פעקיל. דער פויערטע האט זיך ארויסגעוויזען פער-דעכטיג דאס פעקיל, פאר וועלכען די היימלאזע האט שטארק מורא געהאט און זי האט עס דעריבער מיט דער הילף פון די שטוב-מענשען צוגענומען. נאכ'ן אויפוויקלען האבען די פויערים צו זייער גרויסער ערשטוינונג דערזעהן אינ'ם פעקיל דעם טויטען קערפער פון א ניי-געבוירען קינד.

די דערשראקענע פויערים האבען ארויסגערופען פאליציי, וועלכע האט פערהאלטען די פרוי – די 28-יעהריגע סטאניסלאווא כעס' וועלכע שטאמט פון דארף יעזשארקא און האט נישט קיין שטענדיגען וואוין ארט.

די דורכגעפיהרטע סעקציע פונ'ם קינד'ס טויטען קערפער האט פעסטגע-שטעלט, אז דאס קינד איז דערשטיקט געווארען.

פרוי כעס, וועלכע ווייזט ארויס סמנים פון משוגעת איז געווארען ארעס-טירט און איבערגעשיקט צום אויספאר-שונגס-ריכטער.

טעאטער=נאטיצען.

„מיסיסיפי" און „סימכע פלאכטע" געגעבען דורכ'ן ווארשאווער „יונג-טעאטער".

וואויל איז דעם מחבר, גוט איז די שילער, ווען זיי פאלען אריין אין די הענד פון ד"ר מיכאל ווייכערט. ווי א גוטער מייסטער, ווי א געניטער פאכ-מאן געהט צו צו זיין שטיקעל ארבייט, אזוי נעמט דער טאלאנטפולער רעזשי-סער דאס רויהע טייג און קנעט דער-פון אויס דאס, וואס ער וויל און וואס ס'דארף צו זיין. נישט פערמינערענדיג אבסאלוט די ליטעראַרישע ווערט פון פערשטארבענעם ל. מלאך, קען מען זיך דאך ערלויבען צו בעמערקען, אז „מיסיסיפי" וואלט פערבליבען נישט מעהר ווי געוועהנליכער רעפארטאזש, ווען נישט די קינסטלערישע האנד פון רעזשיסער, וועלכער לייגט אריין אין דער זאך נשמה, לעבען, ביי וועמען יעדעס ווארט בעקומט פליגעל, תיקון, פאטאס – און ס'ווערט דערפון א ווערק.

מיסיסיפי – דאס איז איינס פון די 48 פעראייניגטע שטאטען אין אמערי-קא, וואס געפונט זיך אין דרום. דארט, נישט געקוקט אויף דעם, וואס ס'זענען שוין פאראיבער צעהנדליגער יאהרען, זייט דער פרעזידענט לינקאלן האט מיט בלוט און שווערד אנגעצייכענט דעם וועג און בעפרייט די נעגער פון דער פינסטערער פערשקלאפונג – ווע-רען זיי דאך נאך ביז היינט אין די דרום-שטאטען טיראניזירט אויף דעם שרעקליכסטען אופן. פאר דער מינ-דעסטער קלייניגקייט ווערען זיי גע-לינטשט דורך די ווייסע. מען האלט זיי אין שטענדיגען פחד און שפאנונג. זיי טארען נישט פאהרען אין די זעל-בע וואגאנען, וואו די ווייסע געפונען זיך, ווערען פון אלעמען מורא'דיג עקספלאאטירט און בעהאנדעלט ערגער ווי די הינד און חיות אין וואלד – ווייל:

– נעגער, נעגער, שווארצע הויט,
אויף דער תליה איז אייער טויט...

דערצו איז די יוסטיץ, די „געזעל-שאפטליכע מאראל" אזוי אוועקגעשטעלט, אז ס'איז געגוג, דאס א ווייסער – מעג ד'אס זיין דער גרעסטער אויס-וואורף פון דער געזעלשאפט – זאל זיך עפיס אויסטראכטען און ווארפען א בלבול אויף א נעגער, אז דער לעצטער זאל זיין א פערלוירענער. קיינער וויל נישט און גלויבט נישט דעם שווארץ-הויטיגען, מעג עס אפילו אויפגעוויזען ווערען מיט דעם הונדערט-פראצענטיגען אמת. אלץ און אלע זע-נען געגען די שווארצע – ווייל:

– מיסיסיפי, דארט אין דרום
גראבט מען פאר אונז שווארצע
קברים...

לייב מלאך האט דאס דאזיגע גע-שילדערט אויף א מייסטערהאפטען אופן. פערהאן אין דער פיעסע „מיסיסיפי" שטארקע סאציאלע מאמענטען, וועלכע ווערען דורכ'ן עולם אונטערגעכאפט און אפלאדירט. ספעציעל איז די שילדע-רונג אונז, יודען, נאהנט צום הארצען, ווייל אויך מיר ווערען אין געוויסע לענדער אין מערב אייראפא בעהאנדעלט מיט דעם זעלבען „יושר", ווי די נע-גער דארט אין דרום.

די פארשטעלונג איז דורכ'ן „יונג-טעאטער" געשפילט געווארען מיט גרויס פערשטענדניש און אינטעליגענץ און געהאט דעם גרעסטען ערפאלג. דאס מאטעריאל, דער אינהאלט איז דורך דער ליעבער חברה גוט בעגרי-פען געווארען. אייניגע סצענעס זענען אויסנעפאלען גאר שטארק און קרעפטיג, ווי צ. ב. אין לויפענדען וואגאן און אין דער תפיסה. אויך די דעקאראצי-יעס, ביהנע-טעכניק, טענץ, מוזיק און רעזשי, וועלכע האט די קאנטראסט-בילדער געגעבען גלייכצייטיג, כדי דאס אויג זאל די געגענזעצליכע פא-סירונגען אויפכאפען מיט איינמאל און נישט פערלירען דאס פריהער געזעהע-נע – האט ביז גאר אויסגענומען. דאס איז אנ'עקספערימענט, וואס דארף בע-צייכענט ווערען אלס העכסט-געלונגען.

פונ'ם אנסאמבל האבען זיך אין „מי-סיסיפי" אויסגעצייכענט: וואלף הייבלום– אלס אויסגעדינטער נעגער - סאלדאס דזשארזש; ראובן זיגעלבוים – אלס נעגער דזשאן; פרידא שאפיר – אלס נעגער-מוטער; בינא גודיס – אלס נע-גער-טענצערין פון הארלעם; אברהם סטאבער – אלס נעגער-טענצער; יעקב הייטלער און קלמן העלער – אלס ווייסע אדוואקאטען.

* * *

„סימכע פלאכטע" פון יעקב פרעגער איז געגעבען געווארען אין א גראַ-טעסק-פארם אין פערז. דאס איז אנ'-אלטע געשיכטע, וואס איז אבער ביי אונז, יודען, שטענדיג ניי און אקטועל. דער שטאדט-נאר, דער וואסער-טרעגער סימכע פלאכטע, טראגט, ווי יענער גולם, וואסער פאר דער גאנצער שטאדט און קען פון דעם אויף קיין טריקען ברויט נישט פערדינען, ווייל זיין בעל-הבית, יאסעלע פרנס, נוצט איהם אויס אויף א געמיינעם אופן. דעם גולמ'ס ווייב, ביילע די יתומה, איז א קלוגע יודענע, זי זעהט איין, אז פון דעם וואסער טראגען האט זי נישט וואס אריינצולייגען אין מאגען, פאלט איהר איין א געדאנק צו מאכען פון איהר מאן, דעם נאר, א הייליגען צדיק, א רבי. גצזאגט און געטהון. זי רעדט איין דעם גולם, אז איהרע עלטערן זענען איהר געקומען צו חלום און גע-זאגט, אז סימכע פלאכטע איז א צדיק. א רבי און טאמער וועט ער נישט פאלגען וועלען זיי איהם דערשטיקען. דאס ווירקט אויפ'ן גולם און ווערט מיט געוואלד א רבי...

פערהאן אין דער פיעסע פיעל קא-מישע סיטואציעס און געזונטער הומאר, וואס מאכט דעם עולם שטארק לאכען.

וואלף הייבלום האט אין דער ראל פון סימכע פלאכטע געשאפען א פרעכ-טיגען טיפ. אין געוויסע מאמענטען איז ער געווען אונפערגלייכליך. ער ווייזט זיך ארויס אלס אויסגעצייכענ-טער כאראקטער-אקטיאר. יוסף גליקסאן אלס יאסעלע פרנס איז געווען זעהר גוט, האט געשפילט זיין ראל מיט פיעל קענטניס און ראפינירטקייט. פרידא שאפיר–אלס ציפע די קעכין האט אויך געוויזען, אז זי איז אנ'ערשטקלאסיגער כוח. בינא גודיס–אלס ביילע די יתומה האט געהאט בלאסע מאמענטען, מעג-ליך, אז דאס איז צוליעב איהר שווא-כער שטימע. יעקב הייטלער–אלס יא-קעל איז געווען אויפ'ן ארט. אויך די איבריגע האבען אלץ געטהון, וואס זיי האבען געקענט און צוגעהאלפען צום ערפאלג.

בראווא יונג-טעאטער!

מ. קויפמאן.

האַנדווערקער! נוצט אויס די הנחה, שליסט קאָנטראַקטען מיט אייערע לערן-יונגלעך!

פעסטשטעלונג

היות ווי אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון „בית לחם", וועלכע איז פאָרגעקומען נאָכ'ן אָבלויף אַזש פון דריי יאהר (!) האבען זיך עטליכע אָנפיהרער פון דער דאָזיגער אינסטי- טוציע דערלויבט צו זאגען, אז אונזער צייטונג באָיקאָטירט דעם „בית-לחם" און פיהרט אויך א געגען-אַקציע, ער- קלערען מיר, אז דאס איז פשוט אויס- געטראַכט פון די דאָזיגע מענשען, וועלכע ווילען פערדעקען זייער אייגע- נע אימבעהאָלפענקייט אין דער גע- זעלשאפטליכער ארבייט און זיי וואַר- פען דעריבער די שולד אויף אונז.

דער אמת איז, אז אונזער צייטונג בעריכטעט און וועקט גלייכצייטיג די יודישע בעפעלקערונג אַקטיוו זיך צו בעטייליגען אין אלע אינסטיטוציעס, וועלכע ברענגען נוצען דער יודישער אָרימקייט און אויב מיר שרייבען נישט אזוי אָפט וועגען „בית-לחם", איז עס נאָר דערפאַר, ווייל דער „בית-לחם" פיהרט איבערהויפט א שוואַכע טעטיג- קייט; טאָ וואס איז דאָ וועגען זיי אזוי פיעל צו שרייבען.

איבריגענס, זענען מיר גרייט ויך צו שטעלען פאַר דער צו דעם צוועק אויסגעוועהלטער קאָמיסיע, וואו מיר וועלען קלאָר און דייטליך בעלויכטען אונזער שטעלונג צום „בית-לחם".

אדרבה, זאָל טאַקי דער ענין „בית-לחם" פאַר אלעמען קלאָר ווערען.

די רעדאַקציע.

פערמאַסקירטע ענדעקעס צושלאָגען יודישע מאַרק - פאָהרער.

דעם 20 ליפּיעץ ה.י. האבען עטליכע קושעפּיצער יודישע סוחרים אויף פוה- רען זיך אומגעקעהרט פון א יריד אין פזשיסטאָן. ס'איז זיי אבער נישט בע- שערט געוועזען גליקליך אָנצוקומען אין זייערע היימען, ווייל נעבען דעם דאָרף אַלעקסאַנדרוב האבען אויף זיי געלויערט עטליכע פערמאַסקירטע ענדעקעס, וועל- כע האבען געפלאַנט זיך מיט זיי אָב- צורעכנען אונטער דער לאָזונג פון „נאַציאָנאַליזירען" דעם האנדעל.

פון די אָנפאלער זענען 4 ארויסגע- טרעטען אין מאַסקעס פון טאָוועל און דער פינפטער האט זיך בלויז פער- שמירט דאס פנים מיט ליים און צוגע- קלעבט א באָרד. די דאזיגע געזונדע דאָרפישע שקצים האבען מיט מעסערס און גומענע שטעקענס מורא'דיג צושלאָ- גען די יודישע סוחרים, צווישען וועלכע ס'האבען זיך געפונען אליהו רייך און יצחק יאַכימאָוויטש.

די אויספאָרשונג האט פעסטגעשטעלט, אז די אָנפאלער זענען געווען די ברי- דער: באָלעסלאוו און פיאָטר מרוזעק, סטאניסלאוו פילאָסעק, יאן גזשיב און אַלאָיזי אָפּילקאָ, אלע מיטגלידער פון דער ענדעקישער פּאַרטיי. דער בעשול- דיגונגס-אַקט שטרייכט אונטער, אז אלע בעשולדיגטע האבען זיך מודה געווען צו דער שולד, ערקלערענדיג, אז זיי האבען עס געטהון אינ'ם נאָמען פון ענטיודישען דעם האנדעל אין פוילען.

דאס געריכט האט אנערקענט די שולד פון אלע אָנגעקלאָגטע פאר דער- וויזען און זיי פער'משפט צו 6 חדשים תפיסה.

אַנ'ענדעקישער אַגיטאַטאָר פאַר'ן געריכט.

דאס קרייז-געריכט האט בעטראכט דעם פראָצעס פון דעם ענדעקישען טהוער פלאָריאַן מאַרקאָווסקי, וועלכער איז זייגער צייט בעטראכט געוואָרען צוליב'ן אָנפאַל אויפ'ן מיטארבייטער פון דער אמאליגער „סלאָוואָ טשענסטאָ- כאָווסקיע" ד. אַלטמאַן. מאַרקאָווסקי איז דאסמאל געמשפט געוואָרען לויט'ן ארט. 154 פאַר. 2 פאר האלטען א העצעריש דרשה אויפ'ן צמענטאַזש בעת'ן פאַנ- ג ושעב פון זעלבסטמערדער עדווארד פאָול.

מארקאָווסקי האט באלד אין אָנהויב געפרובט צו איבערצייגען די פערזא- מעלטע, אז פאָול איז אומגעבראכט געוואָרען דורך קאָמוניסטען, כאָטש די אויספאָרשונג האט פעסטגעשטעלט, אז צוליב אומבעוואוסטע סיבות איז ער בעגאנגען זעלבסטמאָרד, שיסענדיג זיך פון א רעוואָלווער.

„וועקט אייך אויף פון לעטארג, כאַפּט אָרטשיקעס און געהט אויף די באריקאַ- דען" – מיט אזעלכע שטארקע ווערטער האט מארקאָווסקי געוועקט זיינע צוהע- רער צו „טהאטען" און ענדליך אויפגע- פאָדערט צו שלאָגען די קאָהנ'ס, מאַר- קוספעלד'ס און... ראַדזשיווייל'ס.

דער רעדנער איז דאן אויף א רעט- זעלהאפטען אופן פערשוואונדען פון צעמענטאַזש און זיך אויסבעהאלטען. ערשט נאך עטליכע טעג האט ער זיך צוגעשטעלט צו דער פאָליציי און פון אָנהויב פּאָשעזשיערניק איז ער פערבלי- בען אין אַרעסט.

דער הויפט-עדות מצד דער אָנקלאגע, פזשאָדאָווניק פון דער אויספאָרשונגס- פאָליציי קושיזשאַנאָווסקי האט בעשטע- טיגט דעם בעשולדיגונגס אַקט. דאגעגען מארקאָווסקי'ס פערטיידיגער אדוו. זאַ- וואדזקי האט ערקלערט, אז מארקאָווסקי איז דעם קריטישען טאָג געוועזען שיכור און זיך נישט אָבגעגעבען קיין חשבון, וואס ער זאָגט.

דאס געריכט אונטער'ן פאָרזיץ פון ריכטער מילער האט מאַרקאָווסקי'ן פער- אורטיילט אויף 8 חדשים תפיסה פאר העצען צו אנ'אויפשטאַנד און 3 חדשים פאר אויסדריקען זיך בעליידיגענד אויפ'ן אדרעס פון דער פאָליציי און אלס גע- מיינזאַמע שטראָף – 8 חדשים תפיסה.

כוליגאַנעס צושטאָכען אַ יוד מיט אַ מעסער.

די לעצטע טעג חזר'ן זיך אַלץ אָפ- טער איבער כוליגאַנישע אָנפאַלען אויף רוהיגע יודישע דורכגעהער. אלס אָרט פאר זייערע אָנפאַלען האבען די כולי- גאַנעס זיך אויסגעקליבען די רוהיגע אָגראָדאָווא גאַס, וואו זיי פיהרען אויס זייער „אַרבייט" דורך קיינעם נישט געשטערט און דאן ווערען זיי פער- שוואונדען.

אויך דעם לעצטען שבת-צו נאַכטס ארום האלב 10 א זייגער איז פּעוּינאָ- טירט געוואָרען אויף אָגראָדאָווא גאס א נייער בלוטיגער אָנפאַל, פון וועלכען סא'יז געפאלען אלס קרבן דער 52-יעה- ריגער יוסף סטאָפניצער, ווארשאווער 37. דער דערמאָנטער איז צוערשט צושלאָ- גען געוואָרען און דאן האבען די כולי- גאַנעס מיט א מעסער איהם פערוואונ- דעט אין קאָפּ.

אויף די הילפס-רופען פונ'ם פער- וואונדעטען יוד זענען זיך צונויפגע- לאָפען די דורכגעהענדע געוועזענע פראָנט-קעמפער קלמן פייטעק, וואָלפאָ- וויטש און שלום בערלינסקי, ווי אויך פאָליציי, אָבער די כוליגאנעס האבען שוין געהאט בעוויזען צו ענטלויפען און ס'איז פון זיי קיין שפור נישט פערבליבען.

אַרבייטסלאָזע פון טשענסטאָכאָוו אין מיניסטעריום פאַר עפענטליכער שוץ

קיין ווארשא איז געפאָהרען א דע- לעגאציע פון אַרבייטסלאָזע, וואס איז געווען בעשעפטיגט ביי די עפענטליכע ארבייטען אין די פערזאָנען פון: אַנטאָני מאָלענדא, סטאניסלאוו קאַלעטאַ און פּאוועל פראָקאָפּ.

די דעלעגאציע פון די טשענסטאכא- ווער אַרבייטסלאָזע איז אויפגענומען געוואָרען אין מיניסטעריום פאר עפענט- ליכער שוץ און אין דער דירעקציע פון אַרבייטס-פאָנד און ארומגערעדט א רייה ענינים אין צוזאמענהאנג מיט'ן ערטיי- לען אונטערשטיצונג פאר די וואס זע- נען געווען בעשעפטיגט ביי די סעזאָן- ארבייטען.

גלייכצייטיג האט די דעלעגאציע אונטערגענומען בעמיהונגען אין דער ריכטונג צו פערגרעסערן די לעבענס- מיטעל-פאָרצעס אין פערגלייך מיט די פאָריעהריגע.

אַ דייטשער אַעראָפּלאַן געפלויגען איבער טשענסטאָכאָוו.

עהערגעכטען אין אווענד איז דורך טשענסטאכאוו אדורכגעפלויגען אַנ'אַע- ראָפּלאַן מיט דייטשע צייכענס, וועלכער האט זיך דערנאָך אַראָבגעלאָזט אויף די פעלדער הינטער מיקאָנוב. דערביי איז דער אַעראָפּלאַן אביסעל צושעדיגט גע- וואָרען.

ווי ס'ווייזט זיך ארויס, האט דער יונגער דייטשער פליהער מילער, וועל- כער איז געפלויגען פון גלייוויץ קיין קאַטאָוויץ, צוליב'ן געדיכטען נעפעל, פערבלאָנדזשעט און געמוזט זיך אראָב- לאָזען. דער פליהער, וועלכער געהער צו א דייטשער ספּאָרט-אָרגאַניזאציע איז געוואָרען אראָבגעבראכט קיין טשענ- סטאָכאָוו, וואו ער איז געוואָרען אויס- געפאָרשט.

אַ נייער תפיסה-נאַטשעלניק אין טשענסטאָכאָוו.

די לעצטע טעג איז פאָרגעקומען אַנ'ענדערונג אויפ'ן אַמט פון תפיסה- נאַטשעלניק אין טשענסטאכאוו. דער ביז-איצטיגער נאַטשעלניק אַדאַם לוב- קאָווסקי האט דעם דאָזיגען אַמט פער- נומען 10 יאהר און איצט איז ער אי- בערגעטראָגען געוואָרען אויפ'ן אַמט פון תפיסה-נאַטשעלניק אין מיעכאָוו און אויף זיין אָרט אין אונזער שטאָדט איז אראָבגעקומען ה' יוזעף גאָיעווסקי, ביז- יעצטיגער תפיסה-נאַטשעלניק אין סאָס- נאָוויץ.

אַ מאָוד צוליעב ערד.

וויטאָלד סוזשינסקי פון דאָרף קלי- נאָווע האט געקויפט אַקער ביי אַ גע- וויסען דילעווסקי. אויף די אַקער איז געזעסען אַ געוויסער פראנציזשעק וואָי- טשיק, וועלכער איז בעקאַנט אלס אוואַנטוריסט און וועלכער האט נישט געוואָלט אַראָבגעהן פון דער אַקער. עס איז געקומען צו סכסוכים. אין קרי- טישען טאָג האט וואָיטשיק פערטשע- פעט סורזשינסקי'ן, בשעת דער לעצטער איז געווען שכור.

נישט א סך געקלערט האט סוזשינ- סקי געכאַפּט א מעסער און דערמיט דערהרגעט וואיטשיק'ן.

אלס פערטיידיגער אין נאָמען פון אָנגעקלאָגטען איז געשטאַנען אַדוואָקאַט יאַזשווינסקי, וועלכער האט שטארק פּאַ- לעמיזירט מיט'ן פּראָקוראָר און געשיל- דערט דעם געהרגעטען אַלס אַנ'אויס- וואורף, פון וועלכען פטר דאס גאנצע דאָרף איז צופרידען.

סורזשינסקי האט בעקומען 5 יאהר תפיסה, געגען וועלכען אורטייל ער האט אבגעגעבען אַנ'אַפּעלאַציע.

פאַר אויסרופען לטובת שפאַניע – פער'משפט אויף 2 יאָהר תפיסה.

דאס קרייז-געריכט אונטער'ן פאָרזיץ פון ריכטער מילער האט בעטראכט דעם פראָצעס פון 19-יעהריגען יצחק שיליט, וועלכער איז פאר קאָמוניסטישער טע- טיגקייט שוין געווען פער'משפט זיינער צייט אויף איבערצושיקען אין אַנ'אויס- בעסערונגס-הויז.

דאסמאל איז שיליט געוועזען אָנגע- קלאָגט, אַז דעם 5 ווזשעשען, בעת די וואהלען צו דער יודישער קהלה אין טשענסטאָכאָוו האט ער אויף אַנ'עפענט- ליכען מיטינג געמאכט קאָמוניסטישע אויסרופען פאַר'ן וואויל פון רויטען שפאַניע. די אויסרופען זענען געמאכט געוואָרען אין דער יודישער שפראַך נור דער אָנוועזענדער עלטערער פונקציאָ- נאַר פון דער אויספאָרשונגס-פאָליציי בזשאָזאָוויצקי, וועלכער בעהערשט די יודישע שפראַך, האט זיי גענוי פערנאָ- טירט.

דער פראָקוראָר האט פערלאנגט פאר'ן אָנגעקלאָגטען א הארבע שטראָף, ווייל ער איז שוין געוועזען בעשטראָפט פאר קאָמוניסטישער טעטיגקייט.

דער פערטיידיגער אדוו. יאָאַכים מאַרקאָוויטש האט אין א לענגערע רע- דע געפרובט אָבצושוואַכען דעם בעשול- דיגונגס-אַקט דערמיט, וואס עדות בזאָ- וויצקי האט זיך נעקענט טועה זיין ביים פונאַנדערקענען, ווער פון המון ס'האט געמאכט די אויסרופען.

דאס געריכט האט שיליט'ן פעראור- טיילט אויף 2 יאָהר תפיסה.

בעקאַנטמאַכונג

איך מאך בעקאַנט מיינע געעהרטע קונד- שאַפט, אז מיין יאַטקע פון געפליגעל, וואס האט זיך געפונען אויף אלעע 2 איז איבערגעטראָגען געוואָרען

אויף וואַרשאַווער 30.

יעדען טאָג פרישע עופות ווי גענז, היהנער, אינדיקעס א.אז.וו.

רעיעלע און סאָלידע בעהאנדלונג!

מיט אַכטונג:

שלום ווייסמאַן, וואַרשאַווער 30

פון ספּאָרט

„סטזשעלעץ" (שאָפּיעניץ) – „מכבי" 8:8

פערגאנגענעם שבת איז אין אייגענעם זאל פון „מכבי" פאָרגעקומען א באָקס- מייסטערשאַפטס-מעטש צווישען די אוי- בענדערמאנטע קלובען, וועלכער האט זיך געענדיגט מיט'ן רעמי-רעזולטאט 8:8.

פון די פאָראויסגעזעהענע 8 קאמפען זענען נור פאָרגעקומען 6 און פון זיי האבען 4 זיך שנעל געענדיגט מיט נאָק-אויסען.

אין די רייהען פון „מכבי" זעהען מיר נייע באָקסער, וועלכע זענען נאך אינגאַנצען „רויע" און זיי וואָלטען דע- ריבער געדאַרפט א געניטען טרענירער און א געהעריגע צוגרייטונג.

דאס פובליקום, וועלכעס האט שוין ארויסגעוויזען אין די פוריגע יאָהרען א גרויסע פערשטענדניש און פעראינ- טערעסירונג פאַר'ן באָקס, ווערט דערי- בער אויף די לעצטע אימפּרעזען שטארק ענטוישט און געהט יעדעס מאָל אוועק אונצופרידען.

די רעזולטאטען פון די קאמפען זע- נען פאָלגענדע:

פליגען-וואָג: פּאַיד (ס)–אַלעקסאַנדראָ- וויטש. דער לעצטער הויבט אָן דעם קאַמף, ווי שטענדיג, ווילד, אָהן אויס- רעכנונג און נאָך עטליכע איינקאַסירטע קלעפּ ווערט ער אויסגעצעהלט. פּאַיד זיעגט דורך אַ נאַק-אוט.

האַהן-וואָג: פּיעץ (ס) – כוואַט. דער מכבי'ער ענדערט דאסמאָל מיט ערפאָלג זיין אַרט קעמפען. ער פונקטירט זעהר שעהן מיט דער לינקער האנד, בעגלייט פון צייט צו צייט מיט סעריעס קלעפּ אין ענג-קאַמף. כוואט ווייזט ארויס מעהר פלינקקייט פון זיין געגנער און איז זעהר אַגרעסיוו. כוואַט האט אַנ'איבער- מאַכט אין אַלע דריי רונדען און זיעגט אינ'ם דאזיגען שענסטען קאַמף פון אָווענד, הויך אויף פונקטען.

פעדערן-וואָג: גאַבאַר (ס) – סאַלאָמאָ- נאָוויטש. דער לעצטער פערמאָגט א סך וואָלאָרען אויף אַ גוטען באָקסער: פּי- זיש שטאַרק, דויערהאַפטיג און דרייסט. ער איז אָבער טעכניש נישט אויסגע- שולט און קלאַפּט אויף בלינד. טראָץ דעם האט ער אַנ'איבערמאַכט איבער זיין געגנוג-שטאַרקען געגנער און זיעגט אויף פונקטען.

לייכטע-וואָג: גורסק (ס) – דילעווסקי. צוויי גלייכע געגנער. דילעווסקי הויבט אָן אַ שעהנעם קאמף און מיר האבען דעם איינדרוק, אַז ער וועט אהיימנע- מען צוויי פונקטען פאַר'ן „מכבי". באלד ווייזט זיך אָבער ארויס, אז ער „פערטראַגט" נישט קיין קלעפּ, און שוין אין דער ערשטער רונדע ווערט ער אויסגעצעהלט. גורניק זיעגט דורך א נאַק-אוט.

האלב-מיטעל-וואָג: שפּיעוואַק (ס) – שפּיעוואַק איז א שוואַכער באָקסער. קאַנטאָר זיעגט דורך א טעכנישען נאַק- אַוט אין דער דריטער רונדע.

מיטעל-וואָג: רוסעצקי (ס) – רושין. מיט'ן אָנהויב פון קאמף בעקומט רושין אַ קלאַפּ, נאך וועלכען ער גיט זיך באלד אונטער און רוסעצקי ווערט ער- קלערט אלס זיעגער.

אין האלב-שווערע-וואָג בעקומט מכבי צוויי פונקטען צוליעב דעם, וואס „סטזשעלעץ" שטעלט נישט ארויס קיין געגנער און אין שווערע-וואָג בעקומט „סטזשעלעץ" צוריק צוויי פונקטען צו- ליעב'ן נישט-ארויסשטעלען קיין געגנער פון מכבי'ס צד.

עמקא.

אַנ'אָבגעשניטענער קאָפּ אויף די באַהן-רעלסען.

מימוואָך ארום 11 א זייגער אין אָווענד האט דער פּיעלמאַל בעשטראָפּ- טער באהן גנב, דעם 21-יעהריגער באָ- לעסלאוו ברילאָ פון דאָרף ביעזשעגין, אויסגעפיהרט א דרייסטען באַנדיטען- אָנפאַל אויף א דורכפאהרענדען צוג. בעת'ן פרוב זיך איינצוברעכען אינ'ם פאָהרענדען צוג, האט ברילאָ פערלוירען די גלייכגעוויכט און ארונטערגעפאלען הינטער די רעדער.

די באַהן-רעדער האבען ברילא'ן פול- שטענדיג צומזיק'ט, אָבשניידענדיג פונ'ם איבריגען קערפּער דעם קאָפּ און די רעכטע האנד.

ברילא, וועלכער איז אומגעקומען בעת'ן אויספיהרען א רויב-אָנפאַל האט זיך אויסגעצייכענט מיט אונגעוועהנלי- כער דרייסקייט.

KINO „EDEN".

די גרעסטע רעוועלאַציע!
119 מינוט בעסטע איינדרוקען!

KAPITAN BLOOD

סופערפילם לויט דער בעריהמטער ערצעהלונג פון ראַפאַעל סאַבאַטיני.
2 סעריעס אין איין פראָגראַם!

Kino „LUNA"

רעוואָלוציע!
דער שענסטער ליעבע-ראָמאַן פון אלע צייטען!

MAYERLING

אין דער הויפּט-ראָל:
טשאַרלז באָיער.

איבער'ן פראָגראַם: גראָטעסק און „פּאַט"

טעגליך 3-30 נ"מ 1 סעאַנס צו פּאָפּולערע פרייזען
די מוזיקאַלישע קאָמעדיע פון לעהאר

Dziewczę z Budapesztu

אין דער הויפּט-ראָל: מאַרטאַ עגערט.
פרייזען צו 35 און 54 גר.

Kino-Teatr „STYLOWY"
Aleja 27.

פילם, וואס האַלט דעם צושויער אין שפּאַנונג ביז'ן סוף

CONCERTINA

אין דער הויפּט-ראָל:
קאַראָלאַ לאָמבאַרד
און פרעד מאַק-מוריי

פרייטאָג און שבת מיטאָג-סעאַנסען פון „הערן אין צילינדערס".

Redaktor i wydawca: B. Bocian — Druk. B. Bocian, Aleja 6